פערלאג „די וועלט“.

א. נעמאנסקי.

# פראפעסיאנעלע פעראיינען
# און זייערע אויפגאבען.

ווילנא, תרס"ו.
1906.

Профессіональные союзы и ихъ задачи.

А. Нѣманскій.

ВИЛЬНА.
Типографія «Вдова и братья Роммъ».
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1|2.
1906.

# אינהאלט־פערצייכניס.


זייטע

I. פון וואנען נעהמט זיך די עשירות (אנשטאט א פארערדע) ..... 3

II. די אויפגאבען פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען

א. פערקירצען דעם ארבייטס-טאג ..... 12

ב. איבערשטונדען ..... 19

ג. העכערען דעם ארבייטס-לוין ..... 21

ד. בעסערע ארבייטס-בעדינגונגען ..... 27

ה. קולטורעלע אויפגאבען ..... 31

III. דורך וועלכע מיטלען ערפילען די פראפעסיאנעלע פעראיינען זייערע אויפגאבען

א. קאלעקטיווער קאנטראקט ..... 33

ב. מינימאלער ארבייטס-לוין ..... 36

ג. שטרייקען ..... 40

ד. באיקאט ..... 51

ה. פערקלענערען די קאנקורענץ פון פרויען, קינדער און לעהרענאינגלעך ..... 55

ו. פערקלענערען די צאהל פון די ארבייטס-לאזע ..... 58

ז. פערשיערענע ארטען שטיצע ..... 59

ח. ווירקען אויף די נעזעצגעבונג ..... 62

IV. די ארגאניזאציע פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען ..... 68

V. די פראפעסיאנעלע בעוועגונג און די סאציאל-דעמאקראטיע ..... 73

## I.

# פוּן וַואנֶען נֶעהמְט זִיךְ דִי עֲשִׁירוּת?

## (אַנְשְׁטָאט אַ פָּארְרֶעדֶע)

אפילוּ הִינטֶערן אויוועֶן אִיז אִיצט אויךְ שוועֶר צוּ גֶעפִינֶען אַזאַ בטלן, וואָס זאָל באמת מיינעֶן, אַז מעֶן קעֶן אָנקלַייבעֶן פוּן דעֶר אֵיגעֶנעֶר האָרעֶוואַניעֶ גרויסעֶ עשירות. עֶר ווֶעט אַייךְ אָנדעֶרצעֶהלעֶן גאַנצעֶ בעֶרג באָבעֶ־מעשׂות וועֶגעֶן ראָטשִׁילדעֶן, עֶר וועֶט אַייךְ שִׁילדעֶרן מִיט אַללעֶ קלַיינִיגקַייטעֶן—גלַייךְ ווִי עֶר וואָלט דעֶרבַּיי געֶוועֶן — דאָס הִילצעֶרנעֶ הַייזעֶל פוּן פראַנקפורט אַם מאַין, וואוּ דִי ראָטשִׁילד׳ס זעֶנעֶן געֶבאָרעֶן געֶוואָרעֶן, אָבעֶר עֶר וועֶט אַייךְ גאָר נִישט קעֶנעֶן זאָגעֶן וועֶגעֶן דעֶר אֵייגעֶנעֶר האָרעֶוואַניעֶ פוּן דִי אִיצטִיגעֶ מִיליאָנעֶרעֶן ראָטשִׁילד׳ס. דעֶר גרעֶסטעֶר בטלן אפילוּ ווַייס אויךְ גאַנץ גוּט, אַז דִי ראָטשִׁילד׳ס האָבעֶן גאַנצעֶ אַרמעֶעֶן שרַייבעֶרלעֶךְ, שרַייבעֶרס, בוּכהאַלטאָרעֶן, קאַסִירעֶן, פעֶרוואַלטעֶר, בעֶרזעֶן־מאַקלעֶרס, וועֶלכעֶ שרַייבעֶן, צעֶהלעֶן, לויפעֶן, האַנדלעֶן, האָרעֶוועֶן, טהוּעֶן, מִיט אֵיין וואָרט, אַלץ וואָס ראָטשִׁילד׳ס געֶשעֶפטעֶן פאָדעֶרעֶן, אוּן אַז דִי ראָטשִׁילד׳ס גוּפא, אויב זַיי האָרעֶוועֶן אפילוּ, האָרעֶוועֶן זַיי נִיט מעֶהרעֶר פוּן זַייעֶרעֶ געֶדוּנגעֶנעֶ „מעֶנשעֶן׳, אוּן פוּנדעֶסטוועֶגעֶן וואַקסעֶן זַייעֶרעֶ אוצרות פוּן טאָג צוּ טאָג.

אוּן ראָטשִׁילד אִיז נִיט קַיין אויסנאַהם; ס׳זעֶנעֶן דאָ נאָךְ אַזעֶלכעֶ גלִיקליכעֶ מעֶנשעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן אִין זַייעֶר פעֶרמעֶגעֶן גאַנצעֶ מִיליאָנעֶן. אוּן דִי ס׳איבּרִיגעֶ מִיליאָנעֶרעֶן האָבעֶן דאָס רוב אויךְ נִיט בעֶקוּמעֶן בירוּשה זַייעֶר אִיצטִיגעֶן פעֶרמעֶגעֶן. צווִישעֶן דִי 400 מִילִיאַרדעֶרעֶן, וואָס געֶפִינעֶן זִיךְ אִיצט אִין אַמעֶרִיקאַ, קעֶן נאָר אֵיינעֶר (אַסטאָר) אָנרעֶכעֶנעֶן גאַנצעֶ 4 דורות נגידים, אוּן

דאָ איז אויך דאָס פערמעגען אַלץ געוואַקסען פון איין דור צום אַנדערען: דער ערשטער גביר פון דער פאַמיליע אַסטאָר האָט נאָר פערמעגנט 250 טויזענד רובל, זיינע קינדער האָבען שוין געהאַט 40 מיליאָן, זיינע אייניקלעך 560 מיליאָן און די איצטיגע אַסטאָרס פערמעגען שוין 800 מיליאָן. די ס׳איבריגע אַמעריקאַנער מיליאַרדערען זענען נאָך קלענערע מיוחסים. למשל וויליאַם קערק איז נאָך אין פאָריגען יאָהרהונדערט געווען אַ פשוטער בערג-אַרבייטער און איצט שאַצט מען זיינע מעטאַל-גריבער אַליין אין 20 מיליאָן רובל. דער „אייזענבאַהן-קעניג‘ דזשעמס היל איז אַליין אַ מאָל געווען אַ קעסעל-הייצער, און נאָך אַ מיליאַרדער קאַרנעגי האָט אַליין געאַרבייט אויף אַ בוימוואָהל שפּינערײַ און פערדינט אין סך הכל אַ רובל 10 אַ חודש, און איצט אַרבייטען אויף זיינע פאַבריקען און קויהלען-גרובען אַנ׳ערך 25 טויזענד אַרבייטער. נאָך שנעלער איז געוואַקסען די עשירות ביי דעם „נעפט-קעניג" דזשאָן ראָקפעלער. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען זיין געשעפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 10 טויזענד רובל. אין יאָהר 1870 האָט ער שוין פערמעגנט 100 טויזענד רובל, אין 5 יאָהר אַרום—2 מיליאָן, אין 10 יאָהר אַרום (אין יאָהר 1885) 100 מיליאָן און אין יאָהר 1889—העכער 500 מיליאָן!

אָנקלייבען אַזאַ רייכטהום מיט די אייגענע הענד, מיט דער אייגענער האָרעוואַניע—דאָס איז מעגליך נאָר אין אַ זיסען חלום, אָבער ניט אין דער ווירקליכקייט. אויב דער מיליאַרדער קאַרנעגי וואָלט בעקומען געהאַלט ניט נור 10 רובל נאָר אפילו 100 רובל אַ חודש און אויב אפילו ער וואָלט זיין גאַנצע געהאַלט פערבונדען אין אַ קניפּעלע און געלעבט פון ניסים, וואָלט איהם אויך מתושלח׳ס יאָהרען ניט געקלעקט אָנצוקלייבען זיין פערמעגען. און אַזוי ווי די רייכע שיטען אויס טויזענדער אויף לוקסוס און הולטײַסטווע, וואָלט זיי זייער אייגענער פערדינסט אפילו ניט געסטײַעט אויף חיונה.

אפנים, אַז דער גביר פערגרעסערט זיין רייכטהום ניט דורך אייגענע האָרעוואַניע און ניט דורך שפּאַרזאַמקייט. ער קען זיך אַרומגעהן גאַנצענע טעג די הענד פערלעגט אין די קעשענעס, ער קען זיך אַרומפאָהרען איבער די בערדער, קלייבען פערגניגען אין די אויסלענדישע טהעאַטערן, פערשווענדען אוצרות אויף

אַקטריסעס און באַלערינעס, מאַכען לוס־רייזען אויף אַנ'עק וועלט און זיין רייכטהום וועט פונדעסטוועגען וואַקסען. ער דאַרף אַליין ניט צולעגען זיינע הענד, ער דאַרף אַליין אַפילו דעם קאָפּ ניט צולעגען צו זיין געשעפט; פאַר איהם אַרבייט שוין אַנ'אַנדערער, פאַר איהם אַרבייט זיין קאַפּיטאַל. דער קאַפּיטאַל — דאָס זענען די הענד פון געשעפט, דאָס איז זיין קאָפּ.

כדי צו פערשטעהן פון וואַנען דער קאַפּיטאַל בעקומט דאָס אַזאַ איבערנאַטירליכע קראַפט, מוזען מיר בכלל אויפזוכען דעם מקור פון דעם איצטיגען רייכטהום, מיר מוזען ערקלערען די אורזאַכען, צוליב וועלכע דער רייכטהום פון אונזער גאַנצער געזעל־שאַפט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער.

כדי דער רייכטהום פון דער געזעלשאַפט זאָל זיך קענען פערגרעסערען איז קודם כל נויטווענדיג, אַז דער פּראָדוצענט (ד. ה. דער, וואָס אַרבייט אויס די פּראָדוקטען) זאָל זיין אימשטאַנד אויסצואַרבייטען מעהרער, ווי פיעל ער דאַרף האָבען פאַר זיך צום לעבען, אַז זיין אַרבייט זאָל זיין פּראָדוקטיוו און זאָל געבען מעהרער, וויפיעל ס'איז נויטיג אויסצוהאַלטען די נשמה. אויב דער פּראָדוצענט וואָלט געוועזען בכח אויסצואַרבייטען נאָר אַזוי פיעל, וויפיעל ער דאַרף פערברויכען פאַר זיך כדי ניט צו שטאַרבען פון הונגער, וואָלט דער רייכטהום פון דער געזעלשאַפט זיך ניט געקענט פערמעהרען: דער פּראָדוצענט וואָלט פערברויכט אַלץ, וואָס ער אַרבייט אויס.

אָבער דאָס אַליין איז נאָך ווייניג. אויב די אורזאַכע פון רייכטהום וואָלט געלעגען נאָר אין דעם, וואָס דער אַרבייטער אַרבייט אויס מעהרער, וויפיעל ער פערברויכט פאַר זיך, איז דאָך די קשיה, פאַר וואָס פערברויכט טאַקע דער אַרבייטער אַזוי ווייניג? מיר ווייסען גאַנץ גוט, אַז פיעלע בעדערפניסען פון אַרבייטער ווערען גאַר ניט בעפרידיגט. ער לעבט זעהר אָרעם, ער געהט דאָס רוב אָרומגעריסען, אַרומגעפליקט, ער פערגינט זיך ניט אויסצוגעבען אַ גראָשען אויף אַ זייטיגע הוצאה, ער קען ניט בעפרידיגען זיינע אַלע מאַטעריעלע און גייסטליכע בעדערפ־ניסען. און אויב ס'וואָלט זיך געווענדעט פון אַרבייטער אַליין, וואָלט ער פריהער פון אַלץ בעפרידיגט זיינע בעדערפניסען און נאַכהער, אויב פון זיינע פּראָדוקטען וואָלט נאָך וואָס עס איז

איבּערגעבּליבּען, וואָלט ער דעם רעשט בּעהאַלטען פאַר זיך אויף אַ שלעכטער צייט, אויף אַ קראַנקהייטס־צופאַל, אויף די עלטערע יאָהרען א. ז. וו.

אויב ס׳וואָלט זיך געווענדעט פון אַרבּייטער אַליין—אָבּער דאָס איז טאַקע דער אונגליק, וואָס עס ווענדעט זיך ניט פון אַרבּייטער אַליין. דער אַרבּייטער אַליין איז קיין בּעל־דעה ניט אויף די פּראָדוקטען, וואָס ער אַרבּייט אויס. אַ בּעל־דעה אויף זיי איז יענער, ווער עס גיט די רויהע מאַטעריאַל, די מאַשינען, די ווערקצייג, אַ בּעל־דעה אויף זיי איז דער קאַפּיטאַליסט. ער דינגט דעם אַרבּייטער, ער קויפט בּיים אַרבּייטער זיין אַרבּייטס־קראַפט, און צאָהלט איהם דערפאַר אַזוי פיל שכירות, אַזוי פיל אַרבּייטס־לוין, וויפיל דער אַרבּייטער דאַרף האָבּען אויף צו בּעפרידיגען די נויטווענדיגסטע בּעדערפניסען. אַלץ, וואָס עס בּלייבּט איבּער פון דעם אַרבּייטערס האָרעוואַניע, געהט איבּער אין רשות פון קאַפּיטאַליסט; דאָס איז זיין פּערדינסט, זיין מעהר־ווערטה. דער רייכטהום, וועלכער וואַקסט פון טאָג צו טאָג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די אוצרות געלד, די מאַסען פּראָדוקטען—דאָס אַלץ האָבּען בּעשאַפען די אַרבּייטער, אָבּער דאָס אַלץ געהערט ניט צו זיי. דאָס אַלץ געהערט צו דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען, צו דער בּורזשואַזיע, וועלכער האָט דעם קלענערען טהייל פון דעם אַרבּייטערס פּראָדוקטען אָבּגעגעבּען דעם אַרבּייטער, דעם גרעסערען טהייל אָבּער צוגענומען פאַר זיך.

אין יאָהר 1867 האָט ענגלאַנד געהאַט אַנ׳ערך 8 מיליאַרד*) רובּל הכנסה. דער פעטסטער חלק דערפון (העכער 4 מיליאַרד רובּל) איז אַריינגעפאַלען אַלס מעהרווערט צו דער בּורזשואַזיע. פון די ס׳איבּעריגע 4 מיליאַרד האָבּען 3200 מיליאָן רובּל בּעקומען די אַרבּייטער אַלס אַרבּייטס־לוין, 800 מיליאָן רובּל—קליינע זעלבּשטענדיגע האַנדווערקער, ערדאַרבּייטער און נאָך אַזעלכע „זעלבּשטענדיגע" קבּצנים. און דיזער יאָהר איז ניט געווען קיין יוצא מן הכלל, קיין אויסנאַהם פון אַלע איבּעריגע יאָהרען. אָט איז אַ קליינע טאַבּליצע, וועלכע בּעוויזט, וואָס פאַר אַ טהייל פון די ענגלישע נאַציאָנאַלע הכנסות בּעקומט דער אַרבּייטער־קלאַס און וואָס פאַר אַ טהייל עס בּלייבּט פאַר די איבּעריגע קלאַסען:

*) איין מיליאַרד איז 1000 מיליאָן.

| אין יאהר | האט ענגלאנד געהאט הכנסה (אין מיליאנען). | דער־פון האט דער ארביי־טער־קלאס בעקומען (אין מיליאנען). | אין פראצענט צו דער גאנצער הכנסה. | די ס׳איבריגע קלאסען חא־בען בעקומען (אין מיליאנען). | אין פ־אצענט צו דער גאנצער הכנסה. |
|---|---|---|---|---|---|
| 1860 | 8320 | 3920 | 47% | 4400 | 53% |
| 1866 | 10300 | 4640 | 45% | 5660 | 55% |
| 1870 | 10920 | 4860 | 44½% | 6060 | 55½% |
| 1874 | 13440 | 6090 | 45¼% | 7350 | 54¾% |
| 1877 | 13730 | 5910 | 43% | 7820 | 57% |
| 1883 | 14270 | 6090 | 42⅔% | 8180 | 57⅓% |
| 1886 | 14450 | 6050 | 42% | 8400 | 58% |
| 1891 | 16110 | 6990 | 43½% | 9120 | 56½% |

דער אַרבייטער־קלאַס האָט אַלזאָ אין פערלויף פון די גאַנצע 32 יאָהר שטענדיג בעקומען וועניגער פון אַ העלפט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער הכנסה (ניט מעהר פון 47 פראָצענט), אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די נאַציאָנאַלע הכנסה האָט אין פערלויף פון דיזע 32 יאָהר אַרויפגעשטייגען כמעט אויף נאָך אַמאָל אַזוי פיעל (פון 8320 מיליאָן רובל אין יאָהר 1860, ביז 16110 מיליאָן רובל אין יאָהר 1819). די סומע אַרבייט׳ס־לוין פון גאַנצען אַרבייטער קלאַס אין ענגלאַנד האָט זיך אמת אויך פער־דאָפּעלט, אָבער צו איז דער אַרבייטער־קלאַס געבליבען ביי זיין טהייל אין דעם נאַציאָנאַלען רייכטהום, צו בעקומט ער זיין פריהערדיגען חלק אין די גאַנצע עשירות, וואָס ווערט בעשאַפען נאָר דורך דעם אַרבייטער? ניין! אין יאָהר 1860 האָבען די ענגלישע אַרבייטער בעקומען פון יעדען רובל הכנסה 47 קאָפּיקעם און אין יאָהר 1891 נאָר 43½ קאָפּיקע, ד. ה. אַז די ענגלישע בורזשואַזיע האָט ניט נאָר בעקומען מעהרער רייכטהום, נאָר זי האָט נאָך פערקלענערט דעם אַרבייטערס חלק אין דיזען רייכטהום, ד. ה. אַז פערהעלטניסמעסיג, לגבי דעם ריוח פון די קאַפּי־טאַליסטען, איז דער אַרבייטער־קלאַס געוואָרען אָרעמער.

אין רוסלאַנד האָבען מיר ניט קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגען דעם, ווי די נאַציאָנאַלע הכנסה פערטהיילט זיך צווישען די פערשידענע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, נאָר ס'איז גענוג איבערפלעכליך אַ קוק צו טהאָן ווי עס לעבט דער אַרבייטער אין ענגלאַנד און אין רוסלאַנד *), עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן די גרויסע פּראָצענטען פערדינסט, וואָס אונזערע פאַבריקאַנטען און געשעפטסלייט בעקומען, כדי זיך איבערצוציינגען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד בעקומט נאָך אַ קלענערען חלק אין דער אַלגעמיינער הכנסה, איידער דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט. און אויב אין יאָהר 1904 האָט אונזער האַנדעלס און אינדוסטריעלע בורזשואַזיע בעקומען, לויט דעם השבון פון אונזער פינאַנץ-מיניסטעריום (און אונזער פינאַנץ-מיניסטעריום, ווי ס'איז בעוואוסט, האָט ליב צו פערשווייגען וועגען די גרויסע פערדינסטען פון אונזער בורזשואַזיע) 809 מיליאָן רובל ריינע פערדינסט, קען מען זיין זיכער, אַז דאָס איז געווען דער גרעסטער טהייל הכנסה פון לאַנד און אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט בעקומען דעם קלענערען טהייל.

פון די מאַסע פּראָדוקטען וואָס די אַרבייטער אַרבייטען אויס, נעהמען די פאַבריקאַנטען צו פאַר זיך דעם גרעסערען טהייל און דעם קלענערען טהייל גיבען זיי אָב די אַרבייטער אַלס אַרבייטס-לוין. עס פערשטעהט זיך, אַז זיי צאָהלען זייערע אַרבייטער ניט מיט פּראָדוקטען, נאָר מיט געלד, אָבער דער רעזולטאַט איז דער זעלביגער: בעת די אַרבייטער בייטען אויס די בעקומענע געלד אויף סחורה, בעת זיי קויפען פאַר זייער אַרבייטס-לוין פּראָדוקטען אויף צום לעבען, שטעלט זיך אַרויס, אַז זיי בעקומען אַ סך ווייניגער פּראָדוקטען, ווי זיי האָבען בעשאַפען. דער גרעסטער טהייל פּראָדוקטען, אָדער דער גרעסטער טהייל געלד, וואָס מען האָט געקראָגען פאַר זיי, בלייבט ביי די פאַבריקאַנטען.

יענע וואָלטען זעהר וועלען, אַז דער גאַנצער פערדינסט, דער גאַנצער מעהרווערטה, זאָל בלייבען ביי זיי אין קעשענע און זיי זאָלען זיך מיט קיינעם ניט דאַרפען טהיילען, אָבער בעלנים אויף פרעמדע האָרעוואַניע, אויף דעם אַרבייטערס בלוט און

---

*) לויט דער סטאַטיסטיק פון דער פאַבריק-אינספעקציע פון יאהר 1902 בע-קומט דורכשניטליך יעדער פאַבריק-ארבייטער 202 רובל 88 קאָפּ' אַ יאהר.

מאַרק, זענען דאָ זעהר פיעל, און די פאַבריקאַנטען מוזען ניט ווילענדיג זיי אָבגעבען אַ טהייל. דער ערר־בעיטצער, אויף וועמענ'ס נח'לאות די פאַבריק שטעהט, וויל מען זאָל איהם צאָהלען אַרענדע פאַר די ערד; דער באַנקיר, ביי וועמען דער פאַבריקאַנט האָט געליהען געלד זיך דורכצוקירעווען, פערלאַנגט פראָצענט אויף זיינע געלד; די רעגירונג, וועלכע פיהרט מלחמות, כדי צו געווינען נייע סחורה־מערק פאַר די פאַבריקאַנטען און אָרגאַניזירט גאַנצע אַרמעען חיל און שפיאָנען כדי צו האַלטען אין צוים די אונ־צופרידענע אַרבייטער — דיזע רעגירונג דאַרף אויך געלד. אָט די אַלע פאַבריקאַנטען, באַנקירען, גוטס בעזיצער און זייערע אַיינ־ריכטונגען — דאָס זענען די פּאַראַזיטען, וועלכע האָבען זיך אַריינ־געזויגען אין דעם קערפער פון אַרבייטער קלאַס און ציהען פון איהם אַרויס זיינע קרעפטען.

מיר האָבען איצט געפונען דעם סוד פון רייכטהום, מיר האָבען זיך איצט דערוואוסט, אַז די גרויסע עשירות פון די מיליאָ־נערען נעהמען זיך ניט דערפון, וואָס דיזע מיליאָנערען האָרעווען זעהר פיעל אָדער פאַכטען הפסקות און שפּאָרען אָב פון זיך. די מיליאָנען, וועלכע ליגען אין די אוצרות פון די ראָטשילד'ס, אַסטאָר'ס, מאָרגאַן און מאָראָזאָוו — דאָס איז אָנגעזאַמעלטע, ניט בעצאָהלטע האָרעוואַניע, דאָס איז דער רעשט, אָדער אַ טהייל פון רעשט, וואָס דעם אַרבייטס־געבער (פאַבריקאַנט, בעל־הבית) איז געבליבען נאָכדעם, ווי ער האָט איין טהייל אָבגעגעבען די אַרבייטער.

אָבער דער אַרבייטער איז דאָך פריי: קיינער טרייבט איהם ניט צו דער אַרבייט, קיינער צווינגט איהם ניט צו פערקויפען זיך פרעמדע; פאַסען איהם ניט די בעדינגונגען, וואָס דער פאַבריקאַנט לעגט איהם פאָר — זאָל ער זיך זעטצען געזונטערהייד אין דער היים. אַזוי טענה'ן די קאַפּיטאַליסטען מיט זייערע אַדוואָקאַטען, די דיינים, די ריכטער, די בורזשואַזע יוריסטען, און פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמען. דער אַרבייטער איז פריי! — אָבער יעדער אַרבייטער ווייס, וואָס פאַר אַ פרייהייט דאָס איז. ער האָט אַרבייטס־קראַפט — אָבער די אַרבייטס־קראַפט קען מען ניט עסען, קען מען ניט אָנטהאָן, מיט אַרבייטס־קראַפט קען ער ניט אָנקאָרמענען זיין פאַמיליע. כדי זיך צו בענוטצען מיט זיין אַרבייטס־קראַפט, דאַרף

ער נאָך האָבען דערצו ווערקצייג, רויהע מאַטעריאַלען, אַ ווערקשטאַט, אַביסעל געלד זיך דורכצוקירעווען ביז ער וועט פערקויפען זיינע אויסגעאַרבייטע פראָדוקטען. דער אַרבייטער דאַרף נאָך האָבען די מעגליכקייט אויסצואַרבייטען סחורה אויך פאַר דעם זעלבען פּרייז, פאַר וועלכען זי וועט פערקויפט אויפען סחורה־מאַרק. אויב ער וועט זיך קאַלופּענען מיט זיינע אַלט פרענקישע ווערקצייג, וועט זיין סחורה זיין אי שלעכט, אי טהייער און קיינער וועט זי אין האַנד ניט נעהמען. ער דאַרף נאָך דערצו האָבען אויסגעבעסערטע מאַשינעס, מיט וועלכע ער זאָל קענען אויסאַרבייטען זיין סחורה גיך און גוט און זאָל קענען קאָנקורירען מיט אַנדערע סחורה־מאַכער. דאָס אַלץ האָט דער אַרבייטער ניט און מוז דעריבער פערקויפען זיין אַרבייטס־קראַפט פרעמדע, אויב ער וויל ניט אויסגעהן פון הונגער. דער אַרבייטער איז פריי; קיינער שלאָגט איהם ניט אין קאַרק ער זאָל געהן אַרבייטען; ס'ועגען ניטאָ אַזעלכע געשריבענע געזעצען, וואָס זאָלען נויטהען דעם אַרבייטער געהן אויפ'ן פאַבריק; עס איז אָבער דאָ אַ ניט קיין געשריבענער געזעץ, וועלכער יאָגט דעם אַרבייטער מיט איין אייזערנער קראַפט צו דער אַרבייט. יענער געזעץ רופט זיך „הונגער".

די אַרבייטס־געבער בענוטצען זיך דערמיט, וואָס זיי האָבען פאַבריקען, ווערקשטאַטען און קאַפּיטאַל כדי צו עקספּלואַטירען יענע, וועלכע האָבען ניט די מעגליכקייט אַליין צו מאַכען פראָדוקטען און וועלכע זיינען דעריבער גענויטהיגט צו פערקויפען זייער אַרבייטס־קראַפט, און כל זמן ס'וועט עקזיסטירען אַ מאָנאָפּאָל אויף ווערקצייג און פּראָדוקציאָנס־מיטלען, כל זמן זיי וועלען געהערען צו פּריוואַט מענשען, וועט איין מענש עקספּלואַטירען דעם אַנדערען, וועט אויף איין זייט עקזיסטירען רייכקייט, וואָלטאַג און לוקסוס, אויף דער אַנדערער זייט — אָרעמקייט, נויט און דלות. דיזע קאָנטראַסטען וועלען אין גאַנצען פערשוואונדען ווערען נור דאַן, ווען ס'וועט פערשוואונדען ווערען פּריוואַט־אייגענטהום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אויף די ערד און ווערקצייג.

נאָר אויב ס'איז איצט אוממעגליך איצט אין גאַנצען אָבצושאַפען די עקספּלואַטאַציע פון מענשען דורך מענשען, איז אָבער מעגליך איצט אָבצושוואַכען דיזע עקספּלואַטאַציע, בעשאַפענדיג געוויסע גרענצען פאַר דעם אַפּעטיט פון די אַרבייטסגעבער. יעדער

אַרבּײַטער בּעזונדער איז פֿערשטעהט זיך צו שוואַך זיך צו װעהרען געגען דעם רײַכען און דעריבּער שטאַרקען אַרבּײַטסגעבּער. דער אַרבּײַטסגעבּער האָט אַ פֿאַבּריק, אַ װערקשטאַט, װערקצײַג און דאָס רוב אַ פֿרײַהען קאַפּיטאַל; דער אַרבּײַטער אָבּער האָט נאָר זײַן אַרבּײַטסקראַפֿט, פֿרײַהע, לעדיגע הענד און דאָס איז הײַנטיגע צײַטען אַ קלײנער יחוס: פֿרײַהע הענד, לעדיג־אַרומגעהענדע אַרבּײַטער זענען דאָ אויפֿ'ן אַרבּײַטסמאַרק נאָך איבּער גענוג. אויב װאָסער ס'איז ניט אַרבּײַטער װעט זיך אײַנשפּאַרען און זאָגען, ער װיל ניט אַרבּײַטען אויף די בּעדינגונגען, װאָס דער אַרבּײַטס־געבּער לעגט פֿאָר, װעט דער אַרבּײַטסגעבּער האָבּען דערפֿון װעניג שבֿרת הלבֿ: ער איז זיכער, אַז אויף דעם אָרט פֿון דעם אײַנגעשפּאַרטען אַרבּײַטער, װעט ער געפֿינען אַן אַנדערן, אַ דערשלאָגענעם און הכנעה'דיגען.

גאָר אַנדערש איז אָבּער דאַן, בּעת די אַרבּײַטער פֿון אַ געװיסער פּראָפֿעסיע זענען פֿעראײניגט צוזאַמען, בּעת זײ האָבּען זײער אָרגאַניזאַציע, װעלכע דאַרף זײ פֿערטהײדיגען געגען דער איבּערמענשליכער עקספּלואַטאַציע. דער פֿאַבּריקאַנט װעט דאַן ניט האָבּען אַזאַ עצה פֿון עלערהויט צו פֿערערגערן די אַרבּײַטס־בּעדינגונגען, די אַרבּײַטער פֿערקעהרט, זענענדיג פֿעראײניגט, װעלען האָבּען אַ גרעסערע מעגליכקײט צו שטרײַטען געגען די אַרבּײַטסגעבּער, צו דערגרײכען בּעסערע אַרבּײַטס בּעדינגונגען, צו פֿערלײַכטערען זײער עקאָנאָמישע לאַגע. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אָדער װי מען רופֿט זײ פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען, װעלכע שטעלען זײער אויפֿגאַבּע צו דערשלאָגען זיך בּעסערע אַרבּײַטס־בּעדינגונגען פֿאַר די אַרבּײַטער, עקזיסטירען שױן לאַנג אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַזעלכע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען ענטװיקלען זיך איך בּײַ אונז. אמת, אונזערע געזעצען שטערען זעהר די טהעטיגקײט פֿון דיעזע אַרבּײַטער־אָרגאַניזאַציעס, אָבּער געזעצען, װעלכע שטערען די נאָרמאַלע ענטװיקלונג פֿון דער אַרבּײַטער־בּעװעגונג און לאָזען ניט דעם אַרבּײַטער פֿרײַ זיך אָרגאַניזירען צום קאַמפּף געגען זײַנע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אונטערדריקער, — אַזעלכע געזעצען קענען לאַנג ניט עקזיסטירען. דאָס לעבּען איז שטאַרקער פֿאַר געשריבּענע געזעצען, און װאו

ס'הויבט זיך אָן אַ שטרייט צווישען לעבען און קאַפּיטאַלע גענצען בעזינגט שטענדיג דאָס ערשטע.

---

II.

# די אויפגאַבען פון פּראָפעסיאָנעלע פעראייניגען.

## א. פערקירצען דעם אַרבייטסטאָג.

אַז די קוואַל פון דעם פאַבריקאַנטס פערדיענסטען איז די ניט בעצאָהלטע האָרעוואַניע פון זיינע אַרבייטער—דאָס ווייסען מיר שוין פון פריהערדיגען קאַפּיטעל. דער פאַבריקאַנט צאָהלט אָב דעם אַרבייטער נאָר פאַר אַ טהייל פון יענע פּראָדוקטען, וואָס דער אַרבייטער האָט בעשאַפען, און נעהמט צו דעם אַנדערן טהייל פאַר זיך. אויב למשל דער פאַבריקאַנט אָדער דער בעל-הבית בעצאָהלט די אַרבייטער נאָר פאַר אַ העלפט פון די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען, און אויב דער אַרבייטסטאָג איז למשל אַ 10 שעה'דיגער, קומט אויס, אַז דער אַרבייטער אַרבייט 5 שעה אַ טאָג פאַר זיך און 5 שעה פאַר'ן בעל-הבית. מיר קענען דעריבער צוטהיילען דעם אַרבייטסטאָג אויף 2 טהייל: פאַר איין טהייל טאָג בעקומט דער אַרבייטער געצאָהלט, פאַר דעם אַנדערען ניט. דער אַרבייטער קען דעריבער פערקלענערען די עקספּלואַטאַציע פון זיין אַרבייטס-קראַפט אויף 2 אופנים. ער קען, ערשטענס, קעמפפען פאַר אַ קירצערען אַרבייטס-טאָג: אויב די שכירות וועלען בלייבען די פריהערדיגע און דער אַרבייטסטאָג וועט ווערען קירצער, למשל, פון 10 ביז 8 שעה, וועט פאַר'ן פאַבריקאַנט נאָר בלייבען 3 שעה ניט בעצאָהלטע האָרעוואַניע, וועט דער מעהרווערטה פון דעם קאַפּיטאַליסט זיך פערקלענערען. דער אַרבייטער, ווידער קען שטרייטען פאַר אַ העכערען אַרבייטס-לוין: אויב דער אַרבייטס-טאָג וועט בלייבען דער פריהערדיגער און די אַרבייטס-לוין וועט זיך העכערען, וועט שוין ממילא אויסקומען, אַז די עקספּלואַטאַציע פערקלענערט זיך, וואָרום וואָס גרעסער ס'איז דער אַרבייטס-לוין, אַלץ וועניגער בלייבט פאַר'ן אַרבייטסגעבער.

די ערשטע אויפגאַבע פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראייניגען דאַרף זיין די פערקירצונג פון אַרבייטס-טאָג. אין אַ קירצערען

אַרבּײַטסטאָג צאַפּט מען געװעהנליך אַרױס פון אַרבּײַטער װעניגער האָרעװאַניע, בּעשאַפט דער אַרבּײַטער געװעהנליך װעניגער פּראָדוקטען, נוײטיגט זיך געװעהנליך דער פאַבּריקאַנט אין מעהרער אַרבּײַטער. און װאָס גרעסער עס איז די נאָכפראַגע אויף אַרבּײַטער, אַלץ װעניגער אַרבּײַטער געהען אַרום לעדיג, אַלץ קלענער איז די קאָנקורענץ צװישען די אַרבּײַטער, אַלץ העכער שטײַגט אַרויף דער אַרבּײַטס-לוין. דורך די פערקירצונג פון אַרבּײַטסטאָג דערגרײַכט דער אַרבּײַטער סוף כל סוף צװײַ גיסטיגע רעזולטאַטען: ער פערדינט מעהרער און דאַרף װעניגער אַרבּײַטען. װעניגער אַרבּײטען הײַסט װעניגער כחות לאָזען אין פאַבּריק אויף די מאַשינעס און װערקצײַג, װעניגער צײַט פער-בּרענגען אין רויך און שמוץ, װעניגער אַרבּײַטען הײַסט װעניגער אָבּניטצען זיך, מעהרער אײַנשפּאָרען די יונגע קרעפטען אויף שפּעטער, װעניגער לײַדען פון פערשידענע קראַנקהײַטען, לענגער לעבּען.

די געלעהרנטע האָבּען שוין לאַנג דערװיזען מיט ציפערן אין האַנד, אַז אַן אַרבּײַטער לעבּט דורכשניטליך אַ סך װעניגער, װי ניט קײַן אַרבּײַטער. נאָך מיט 50 יאָהר צוריק האָבּען די סאַניטאַרע דאָקטוירים פון 2 גרויסע אינדוסטריע-ראַיאָנען (פון ליװערפּול און מאַנטשעסטער) געבּראַכט אַ סטאַטיסטיק, װעלכע דערװײַזט, אַז אין דער צײַט, װאָס ניט קײַן אַרבּײַטער לעבּט דורכשניטליך 38—35 יאָהר, לעבּט אַן אַרבּײַטער דורכשניטליך 17—15 יאָהר, מיט אַ יאָהר 20 װעניגער װי אַן אַנדערער! אין רוסלאַנד האָט מען נאָך אַזאַ סטאַטיסטיק ניט צוזאַמענגעשטעלט, נאָר װי עס שײַנט איז דאָ איצט ניט בּעסער, װי אין ענגלאַנד מיט 50 יאָהר צוריק. אויב מיר זאָלען נעהמען 2 אוטשאַסטקעס פון פּעטערבּורג, דעם אַדמיראַלטײַסקען אוטשאַסטאָק, װעלכער איז כמעט דורכאויס בּעזעצט מיט גענעראַלען, בּאַנקירען, סוחרים, און דעם 3-טען װיבּאָרגסקען אוטשאַסטאָק („הינטער נאַרװסקער זאַסטאַװע"), װעלכער איז כמעט דורכאויס בּעזעצט מיט אַרבּײַטער, װעלען מיר זעהן, אַז אין אַדמיראַלטײַסקען אוטשאַסטאָק שטאַרבּען פון יעדער 1000 אײַנװאָהנער נאָר 11 אַ יאָהר און הינטער „נאַרװסקער זאַסטאַװע" 59, דאָס הײַסט העכער 5 מאָל אַזוי פיעל, װי אין אַריסטאָקראַטישען טהײל פון פּעטערבּורג!

דער לאנגער ארבייטסטאג נעהמט צו פון ארבייטער ניט נאר איינציגע יאהר לעבען, ניט נאר זיינע פהיזישע קרעפטען, ער נעהמט פון איהם אויך צו זיין מח, זיינע גייסטיגע און מאראלישע קרעפטען. ביי א לאנגען ארבייטסטאג האט דער ארבייטער ניט די מעגליכקייט צו געניסען וואס ניט איז פאר זיינע גייסטיגע פערגניגען; ער האט ניט די מעגליכקייט ווען עס איז צו בעזוכען דעם טהעאטער, צו נעהמען א ביכעל אין האנד, זיך טרעפען מיט חברים, בעזוכען פערזאמלונגען, הערען א פערנינפטיגעסווארט, ער האט ניט די מעגליכקייט זיך צו צוקוקען און צו פערשטעהן, וואס ארום איהם קומט פאר. ווי א פערד אין סאכע איז ער איינגעשפאנט א גאנצען טאג אין דעם ווערקשטאט און דעם גערויש פון האמער און מאשין, וועלכע פערטויבען איהם דעם קאפ, און פערטרייבען אלע זייטיגע געדאנקען, וואס זענען ניט נוגע דירעקט צום ווערקשטאט, צו דער פאבריק. מיד און צובראכען מיט אנ׳אנגעדולטען קאפ קומט ער פון דער ארבייט, און זיין ערשטער געדאנק איז—וואס גיכער זיך פערגעסען אן די קרעכצענדע ביינער. ס׳איז ניטא קיין צייט זיך ארומקוקען וואו מען איז אין דער וועלט, די גייסטיגע פעהיגקייטען שלאפען איין און פערוואקסען מיט שימעל.

ווי לאנג דארף זיין דער ארבייטסטאג, אום ער זאל ניט זיין אזוי שעדליך פאר די געזונד און פעהיגקייטען פון ארבייטער? דאס ווענדט זיך אן דעם, מיט וואס פאר א סארט ארבייט מען פערנעהמט זיך. איינציגע סארטען ארבייט זענען מעהרער געפעהרליך פאר דעם ארבייטערס געזונד, אנדערע וועניגער. ביי איינציגע סארטען ארבייט מוז מען ארבייטען זעהר אנגעשטרענגט, אונטער א שרעקליכען טומעל, ביי א אונגעוועהנליך הויכער אדער אונגעוועהנליך נידריגער טעמפעראטור, אין א פערשטיקטער לופט, און יענע סארטען ארבייט זענען פערשטעהט זיך כפעל שעדליכער איידער אנדערע, וועלכע קומען פאר אין נארמאלע בעדינגונגען; דער נארמאלער ארבייטסטאג דארף דארטען דעריבער זיין א קלענערער. נאר דאס טארען מיר ניט פערגעסען, אז לויט ווי די וויסענשאפט לערנט אונז, טאר דער ארבייטסטאג ביי קיין סארט ארבייט ניט זיין לענגער פון 8 שעה. אנ׳8 שעה׳דיגען ארבייטסטאג פאר אלע ארבייטער־שיכטען—דיזע פאדערונג שטעלט איצט ארויס

דער אַרבײַטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט, פאַר איהם קעמפפט דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער.

פערקירצען דעם אַרבײַטסטאָג—דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט אויפגאַבען בײַ די אויסלענדישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וועלכע האָט איינגעשלונגען בײַ זײַ פיעל מיה און קרעפטען. די זע מיה און קרעפטען זענען אָבער ניט פערלאָרען געגאַנגען אומזיסט. די רײַכע קלאַסען האָבען זיך געמוזט רעכענען מיט די פאָדערונגען פון די אָרגאַניזירטע אַרבײַטער־מאַסען און האָבען אין פיעלע פּראָפעסיעס געמוזט געזעצליך בעגרענצען דעם אַרבײַטסטאָג, און אפילו אין יענע פּראָפעסיעס, וואו דאָס געזעץ בעשטימט ניט קיין נאָרמאַלען אַרבײַטסטאָג, האָבען אַזאַ אַרבײַטס־טאָג אַרײַנגעפיהרט די פּראָפעסיאָנאַלע פעראיינען מיט זײַער אייגענער מאַכט. אין יאָהר 1850 האָבען נאָך די מעטאַלגיסער אין ענגלאַנד געאַרבײַט פון 59 ביז 65 שעה אַ וואָך, די מעכאַניקער און מאַשינען־בויער 57–63; איצט אַרבײַטען זײַ ניט מעהרער פון 50 שעה אַ וואָך. די סטאָליאַרעס אין מאַנטשעסטער אַרבײַטען $48^1/_2$ שעה אַ וואָך, די מאַליאַרעס אַרבײַטען אין גאַנץ ענגלאַנד 48–56 שעה, בכלל געדויערט דער אַרבײַטסטאָג אין ענגלאַנד דורכשניטליך 9 שעה אַ טאָג. אייניגע אַרבײַטער־שיכטען (ווי למשל די בערג־אַרבײַטער) אַרבײַטען $7^1/_2$ שעה אַ טאָג.

אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא איז דער אַרבײַטסטאָג עטוואָס לענגער, ווי אין ענגלאַנד, דורכשניטליך $9^1/_2$ שעה. דאָרטען איז דער געזעצליכער אַרבײַטסטאָג ניט אין אַלע שטאַאַטען גלײַך; יעדער שטאַאַט האָט זיך זײַנע בעזונדערע געזעצען בנוגע צום אַרבײַטסטאָג, אין דיזען אָדער יענעם אינדוסטריע־צווײַג. אין 17 שטאַאַטען (אין צפון און מזרח אַמעריקע) איז דער אַרבײַטסטאָג רעגולירט אויף אַזאַ אופן: אויב אין קאָנטראַקט צווישען דעם אַרבײַטס־געבער און אַרבײַטס־נעהמער איז גאָר ניט דערמאָנט וועגען די לענג פון אַרבײַטסטאָג, בלייבט אין זײַן קראַפט דער „געזעצליכער אַרבײַטסטאָג", וועלכער איז אין 10 שטאַאַטען בעגרענצט דורך 8 שעה, אין 7 שטאַאַטען דורך 10 שעה. אַנדערש געזאָגט: דער געזעץ ווירקט נאָר דאָרטען, וואו דער פאַבריקאַנט האָט ניט אויסגערעדט בפירוש אין קאָנטראַקט,

אַז דער געדונגענער אַרבייטער דאַרף אַרבייטען מעהרער ווי 10 שעה אַ טאָג, און אַזוי ווי דער געזעץ פערבאָט ניט צו אַרבייטען לענגער ווי אַ בעשטימטע צייט, האָט דער פאַבריקאַנט דאָס רעכט צו נייטען זיינע אַרבייטער, זיי זאָלען אַרבייטען וויפיעל ער וויל, און יעדער פאַבריקאַנט וואָלט זיך געוויס אויסגענוצט זיין רעכט, אויב ער וואָלט ניט באַגעגענט קיין העפטיגען ווידערשטאַנד פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער, פון זייערע פראָפעסיאָנעלע פעראיינען.

מיר ברייגגען דאָ אַ קליינע טאַבליצע וועגען די לענג פון אַרבייטסטאָג אין אייניגע לענדער און אייניגע פראָפעסיעס:

| | אין די פעראייניגטע שטאאטען | ענגלאנד | דייטשלאנד | פראנקרייך |
|---|---|---|---|---|
| טאג ארבייטער | 56 שעה א וואך | 52½ שעה א וואך | 56 שעה א וואך | 60 שעה א וואך |
| מאשינימטען | 56 . . | 53 . . | 60 . . | 61½ . . |
| שמידען | 56½ . . | 53½ . . | 60 . . | 60 . . |
| צעסליא־עס | 49½ . . | [illegible]0 . . | 55 . . | 65 . . |
| דרוק זעצער | 50 . . | 68 . . | 51 . . | 60 . . |
| מויערער | 48 . . | 52 . . | 56½ . . | 63 . . |

ביי אונז אין רוסלאַנד האָבען מיר כמעט גאָר ניט קיין געזעץ, וועלכער זאָל בעשטימען דעם אַרבייטסטאָג אויף די פאַבריקען און זאַוואָדען. דעם געזעץ פון 2־טען יוני 1897, וועלכען די פעטערבורגער אַרבייטער האָבען אַרויסגעריסען פון דער רעגירונג דורך זייערע שטרייקען פון מאַי 1896 און יאַנואַר 1897 און וועלכער בעשטימט דעם אַרבייטסטאָג מיט 11½ שעה ריינע אַרבייט, דיזען געזעץ האָט די רעגירונג ביסלעכווייז פערקירצט און פערשמעלט נאָכדעם ווי די „אַרבייטער אונרוהען" זענען איינגעשטילט געוואָרען, און היינטיגען טאָג האָט ער כמעט קיין שום ווערדע ניט פאַר די אַרבייטער. אין געזעץ פון 2־טען יוני 1897 איז געווען געזאָגט אַז איבערשטונדען קענען דערלאָזען ווערען נאָר מיט דער הסכמה פון פאַבריק־אינספעקטאָר אין אַזעלכע אינדוסטריע־צווייגען, וואו דאָס פאָדערען די טעכנישע בעדינגונגען פון דער אַרבייט, דערביי דאַרף די צאָהל איבערשטונדען אין אַ יאָהר פאַר יעדער אַרבייטער זיין ניט מעהרער פון 120. אָבער

דער צירקוליאַר פון 5־טען יאַנואַר 1898 מאַכט אין אַנ'אויסנאַהם פאַר די בעקערייען; דאָרטען, הייסט עס, קען די צאָהל איבער־שטונדען פון יעדען אַרבייטער זיין אינבעגרענצט. נאַכהער קומט דער צירקוליאַר פון 14־טען מערץ 1898, וועלכער מאַכט דעם זעלבען „אויסנאַהם" פאַר אַלע פאַבריקען און זאַוואָדען. עס פערשטעהט זיך, אַז נאָך דיזע צירקוליאַרען איז פון דעם גאַנצען בעריהמטען געזעץ געבליבען נאָר אַנ'אויסגעבלאָזענע איי.

אמת, דער 17 פאַראַגראַף פון דיזען געזעץ זאָגט, אַז די פאַבריק קען אַרבייטען איבערשטונדען נאָר מיט דער הסכמה פון די אַרבייטער, אָבער אַזאַ הסכמה איז דעם פאַבריקאַנט פערשטעהט זיך ניט שווער צו קריגען. ער, זאָגט פשוט דעם אַרבייטער: „הער, זיי מוחל, אַרבייט היינט אַ 2—3 שעה איבעריגע, ווילסטו ניט—געה זיך דיך אין 2 וואָכען אַרום זוכען אַנ'אַנדער בעל־הבית", און דער אַרבייטער מוז, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, געבען זיין „הסכמה". פון די פיעלע אָנקלאַגען וואָס די פאַבריק־אינספּעקציע בעקומט אויף די פאַבריקאַנטען קען מען זעהען ווי „פרייהוויליג" מען אַרבייט אויף אונזערע פאַבריקען די איבערשטונדען:

אין יאָהר 1901 האָבען די פאַבריק־אינספּעקטאָרען בעקומען 186 אָנקלאָגען פון איינציגע אַרבייטער און 2064 פון פיעלע אַרבייטער (קאָלעקטיווע אָנקלאָגען).

אין יאָהר 1902 האָבען די פאַבריק־אינספּעקטאָרען בעקומען 248 אָנקלאַגען פון איינציגע אַרבייטער און 3025 פון פיעלע אַרבייטער (קאָלעקטיווע אָנקלאָגען).

די פאַבריק־אינספּעקטאָרען האָבען אַליין רעגיסטרירט ניט וועניג צופאַלען, ווען די פאַבריקאַנטען האָבען עובר געווען דעם געזעץ פון 2־טען יוני 1897. אַזעלכע צופאַלען זענען געווען:

אין יאָהר 1900 — 884
„ „ 1901 — 1768
„ „ 1902 — 1914

עס פערשטעהט זיך אַז אונזערע פאַבריק־אינספּעקטאָרען וועלכע זענען בעשטימט פון אונזער רעגירונג און וועלכע דאַרפען זוכען נושא חן צו זיין ביי זייער מיניסטעריום, האָבען ניט געוואָלט איינרייסען מיט די פערזיכיגטע פאַבריקאַנטען. אין

פערלויף פון די 3 יאָהר, ווען די פאַבריקאַנטען זענען בעגאַנגען 4566 פערברעכען בנוגע צו די אַרבייטער, האָבען די פאַבריק־אינספּעקטאָרען געמאַכט נאָר 152 פּראָטאָקאָלען! און וואָס איז געוואָרען מיט די ס׳איבעריגע פערברעכען, וועלכע די פאַבריק אינספּעקטאָרען האָבען אַליין רעגיסטרירט? זיי זענען זיך געבליבען פערשריבען ביי די רעגירונגס־בעאַמטע ד. ה. ביי די פאַבריק־אינספּעקטאָרען אין טאַשען־בוך, און אויף די פאַבריקען האָט מען געאַרבייט אויפ׳ן אַלטען שטייגער.

עס עקזיסטירט ווידער גאָר אַנ׳אַלטער געזעץ, לויט וועלכען די אַרבייטער אין די האַנד־ווערקערייען דאַרפען אַרבייטען 12 שעה אַ טאָג, אַראָפּרעכענענדיג דערפון 2 שעה אויף פריהשטאָג און מיטאָג, נאָר כל זמן די אידישע אַרבייטער האָבען ניט דערמאָנט וועגען דעם געזעץ, איז ער געלעגען פערוואָרפען צווישען די אַלטע שמות אין איינעם פון די צעהנדליגע רוסישע „כוואָד זאַקאָנאָוום". פון איהם האָבען ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען ניט די פּאָליציי, וועלכע קוקט זעהר אויף מען זאָל ניט עולה׳ן דעם רייכען, ניט די פאַבריק־אינספּעקציע, וועלכע איז פערפפליכטעט אויפצוקוקען מען זאָל ניט עולה׳ן דעם אָרעמען, דעם אַרבייטער. נאָר בעת אפילו די אידישע האַנדווערקער האָבען אַרויסגעשלעפּט דיזען געזעץ פון אַרכיוו, האָבען אַראָפּגענומען דעם שימעל פון איהם און אָנגעהויבען צו פאָדערען ער זאָל אַריינגעפיהרט ווערען אין לעבען, האָט זיך די פּאָליציי אויך געוואָלט מאַכען פון איהם בלא ידע. פּיעל בלוט און קרבנות האָט געקאָסט דעם אידישען אַרבייטער ביז ער האָט זיך דער־שלאָגען, אַז דאָס געזעץ פון 10 שעה׳דיגען אַרבייטסטאָג זאָל ווערען אָבגעהיט. די אָרגאַניזירטע אידישע האַנדווערקער האָבען אין אַ משך פון איניגע יאָהר געפיהרט אַ האַרטנעקיגען קאַמפּף פאַר דעם געזעצליכען אַרבייטס־טאָג און נאָר אַ דאַנק זייער מוטה און ענערגיע איז דער 10 שעה׳דיגער אַרבייטסטאָג אַריינגעפיהרט געוואָרען אין די גרעסטע שטעדט פון דער אידישער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי".

פון דיזע פאַקטען זעהען מיר ערשטענס, אַז פאַר פאַבריק־אַרבייטער עקזיסטירען אין דער אמת׳ן קיינע געזעצען, וועלכע זאָלען בעגרענצען דעם אַרבייטס־טאָג און אַז צווייטענס, אויב

אַפילו אַזאַ אַרבּײַטס־טאָג וואָלט יע עקזיסטירט (ווי ער עקזיסטירט פאַר די האַנדוועֶרקער), קען ער אויך דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען נאָר מיט דער הילף פון דער אָפּפערווילליגקייט און ענערגיע פון די אָרגאַניזירטע אַרבּייטער. אונזערע פּראָפּעסיאָנעלע פערייינען דאַרפען דעריבער אָנווענדען זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף די לענג פון אַרבּייטס־טאָג. אויב זיי ווילען וועגען דעם ניט זאָרגען, וועט פאַר זיי קיינער ניט זאָרגען. שטרעבען דאַרפען די פּראָפעסיאָנעלע פערייינען ניט דערצו, אַז עס זאָל פּינקטליך ערפילט ווערען דאָס געזעץ פון 2־טען יוני 1897, אָדער דאָס גאַנץ אַלטער געזעץ וועגען דעם אַרבּייט־סטאָג פון די האַנדוועֶרקער: יענע געזעצען זענען סותר די נאַטירליכע געזעצען, וועלכע זאָגען, אַז יעדע אַרבּייט, וואָס דויערט לענגער פון 8 שעה פערדאַרבּט דעם קערפּער און גייסט פון אַרבּייטער. די פּראָפּעסיאָנעלע פערייינען דאַרפען דעריבער ביי אונז זיך אויך שטעלען די זעלבּע אויפגאַבּע, וועלכע עס שטעלט זיך איצט דער אַרבּייטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט: **פערקירצען דעם אַרבּייטס־טאָג ביז 8 שעה.**

---

## ב. איבּערשטונדען:

די איבּערשטונדען האָבּען אויך דיזעלבּע שעדליכע רעזול־טאַטען, ווי דער לאַנגער אַרבּייטס־טאָג; וואָס מעהרער פּראָדוקטען יעדער אַרבּייטער פערשאַפט, אַלץ וועניגער אַרבּייטער דאַרף מען האָבּען, אַלץ גרעסער איז די צאָהל פון די אַרבּייטסלאָזע, אַלץ שאַרפער איז די קאָנקורענץ צווישען די אַרבּייטער, אַלץ נידריגער פאַלט דער אַרבּייטס־לוין. פאַר דעם פיזישען און גייסטיגען צושטאַנד פון די אַרבּייטער זענען די איבּער־שטונדען אויך אַזוי געפעהרליך, ווי דער לאַנגער אַרבּייטס־טאָג. דער קערפּער וויל ניט וויסען פון די חשבונות, וואָס דער אַרבּייטער מאַכט דאָרטען ביי זיך אין קאָפּ מכח די איבּערשטונדען; פאַר איהם איז אַלץ איינס צו עס שטעהט בפירוש אין קאָנטראַקט מען זאָל אַרבּייטען למשל 12 שעה, אָדער אין קאָנטראַקט שטעהט אײַנגעשריבּען אַ 10 שעה'דיגער אַרבּייטס־טאָג און דער אַרבּייטער לעגט אויף אַ פּאָר שעה „פרייוויליג": ער

ווערט פריה אויסגענוצט און שטארבט אָב פאר דער צייט. די גייסטיגע פעהיגקייטען קענען זיך אויך ניט ענטוויקלען, ווען דער ארבייטער האָט דערויף קיין צייט ניט, און פאר דעם ארבייטער'ס נשמה זענען די איבערשטונדען אויך אזוי שעדליך, ווי פאר זיין גוף.

אויב אָבער לויט זייערע רעזולטאטען זענען די איבערשטונדען אויך אזוי שעדליך פאר'ן ארבייטער, ווי דער לאנגער ארבייטס-טאָג, זענען זיי אין אנ'אנדער פרט נאָך שעדליכער פון איהם: זיי פערמאסקירען די עקספלואטאציע. דעם לוין-ארבייטער דוכט זיך, אז די איבערשטונדען ברענגען איהם געוויסע נוטצען דערמיט, וואָס זיי גיבען איהם די מעגליכקייט צו פערדינען אנ'איבריגען רובל. פאר יעדע איבריגע שעה ארבייט צאָהלט געוועהנליך דער בעל-הבית א ספעציעלע געהאלט, און דיזער ספעציעלער פערדינסט פערבלענדעט דעם ארבייטער די אויגען. שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, וואָס די איבערשטונדען רייסען ארויס די ארבייט פון אנדערע ארבייטער, האָבען די מאטעריעלע נוטצען, וואָס זיי ברענגען, גאָר אקליינעם קיום. ווי נאָר דאָס רוב ארבייטער הייבען אָן צו ארבייטען איבערשטונדען, הייבט זיך אָן צו רעכענען פאר א געוועהנליכען ארבייטס-טאָג דער געזעצליכער ארבייטס-טאָג צוזאמען מיט די איבערשטונדען און פאר דיזע ארבייטס-צייט צוזאמען הויבט מען אָן צו בעקומען דעם גע-וועהנליכען ארבייטס-לוין ד. ה. אזוי פיעל וויפיעל ס'איז נייטיג פאר'ן ארבייטער צו בעפריעדיגען זיינע נויטווענדיגסטע בעדערפניסען.

די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען פון דער גאנצער וועלט קעמפפען געגען דיזער פערמאסקירטער עקספלואטאציע און פאָדערען, אז עס זאָל געזעצליך בעשטימט ווערען די לענג פון ארבייטס-טאָג און אז דיזען געזעץ זאָל מען בשום אופן ניט מאָרען עובר זיין. אין פריהערדיגען קאפיטעל האָבען מיר שוין בעוויזען וואָס עס קומט פאָר אויף אונזערע פאבריקען און זאוואָדען מיט די איבערשטונדען, ווי די פאבריקאנטען נוצען די ארבייטער זיי זאָלען מרוצה ווערען עובר צו זיין דעם געזעץ פון 1897. מיר דארפען דאָ פארביי גענעהענדיג אויך בעמערקען, אז דיזער געזעץ פערשפרייט זיך בכלל ניט אויף אזעלכע ארבייטער, צווישען וועלכע די סיסטעם פון איבערשטונדען איז טיעף איינגעוואָרצעלט, נעהמליך

אויף די שטיק־אַרבּייטער. דאָס גאַנצע געזעץ האָט נאָר אין זינען טערמין־אַרבּייטער, וועלכע זענען פערפּפליכטעט צו פערברענגען אויפ׳ן פאַבּריק אַ געוויסען צאָהל שטונדען אַ טאָג; יענע אַרבּייטער אָבער, וואָס אַרבּייטען פון שטיק, געהען גאָר ניט אַרונטער אונטערן געזעץ און זיי האָבען אפילו קיין רעכט ניט צו קלאָגען זיך, ווען דער פאַבּריקאַנט שפּאַנט זיי איין צו אַרבּייטען גאַנצענע נעכט.

## ג. הֶעכֶערֶען דֶעם אַרְבֵּייטְס־לוין.

וואָס וועניגער דער אַרבּייטס־געבּער צאָהלט דעם לוין־אַרבּייטער פאַר די אַרבּייט, זאַלץ מעהרער, פערשטעהט זיך, בלייבּט בּיי איהם אין קעשענע. פאַר איהם איז דער אַרבּייטער גאָר אַ געצייג, וועלכער בּעשאַפט איהם פערדינסט און גיט איהם די מעגליכקייט צו לעבּען אין ווילטאָג און רייכקייט. דער אַרבּייטער אינטערעסירט איהם דעריבּער נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל מען קען אַרויסציהען פון איהם מעהרווערטה, און אויבּ דער פאַבּריקאַנט וואָלט געקענט געפינען אַזעלכע אַרבּייטער, וואָס בּענוגנען זיך מיט אַ שטיקעל טרוקען בּרויט, וואָלט ער זיך מיט בּיידע הענד אָן זיי אָנגעכאַפּט. צו זיין גרויסען בּעדויערען וויל זיך דער אַרבּייטער אָבער ניט בּענוגענען מיט אַ שטיקעל טרוקען בּרויט און פאָדערט נאָך אויף אַ שטיקעל פלייש, אויף אַ שוך און קלייד, אויף אויסצוהאַלטען ווי ס׳איז די פאַמיליע אויף צו לעבּען, מיט איין וואָרט, מיט מענשען גלייך, אין מען מוז איהם צאָהלען מעהר ווי אַ הונגער לוין.

ווער, אָבער, פרעגט זיך, נויטהיגט דאָס דעם פאַבּריקאַנט צו צאָהלען מעהרער? צו דען קען ער ניט קריגען אַזעלכע אַרבּייטער, וועלכע געפינען זיך אין אָבּגרונד פון עלענד און אָרמוט און וועלכע וואָלטען זיך אָנכאַפּען מיט דער גרעסטער שמחה פאַר וואָסער ניט איז פאַר אַנ׳אַרבּייט, אַבּי ניט צו שטאַרבּען פון הונגער? אַזעלכע אַרבּייטער איז טאַקע ניט שווער צו געפינען; גאַנצע מחנות זייערע געהען אַרום אין די גרויסע שטעדט פון פאַבּריק צו פאַבּריק זוכען אַרבּייט. דיזע מחנה אַרבּייטסלאָזע האָט אפילו אַ ספּעציעלען נאָמען, — „רעזערוו־אַרמעע" רופט זי די וויסענשאַפט. אין דער צייט פון אַ געדריקטען צושטאַנד אין

דער פּראָדוקציאָן, אין דער צייט, ווען די געשעפטען געהען שלעכט, ווען די סחורה-לאַגער'ן זענען געפּאַקט מיט סחורה, וואַרפט מען אַרויס פון די פאַבריקען צעהנדליגער טויזענד אַרבייטער און מען פערקלענערט די פּראָדוקציאָן פון סחורה. די „רעזערוו-אַרמעע" ווערט דאַן אונגעהויער גרויס. פערהונגערטע, פערצווייפעלטע בלאָנדזען די אַרבייטסלאָזע איבער די גאַסען און קוקען אויס די אויגען נאָך אַ שטיקעל אַרבייט, ביז ס'געהט ניט פאַראיבער די שלעכטע צייט, ווען די פּראָדוקציאָן בליהט ווידער אויף, שלינגט אַריין אַ גרויסען טהייל פון די אַרבייטסלאָזע און שעפּט אויס ביז אַ געוויסען גראַד די „רעזערוו-אַרמעע".

אַזעלכע אַרבייטסלאָזע איז ניט שווער צו געפינען. די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדעל ברייננט דערצו, אַז די קליינע זעלבשטענדיגע בעלי-בתים, די קליינע אונטערנעהמער, די קליינע קרעמער ווערען אַלץ אָבהענגיג פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען, פאַלען אַריין אין נעץ פון קאַפּיטאַל און פערגרעסערען די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט. פון דער אַנדערער זייט זוכט יעדער פאַבריקאַנט צו מאַכען זיינע סחורה ביליגער כדי אַרויסצוזעצען פון מאַרק זיינע קאָנקורענטען, ער פערבייט די אַרבייטער דורך מאַשינען, וועלכע מאַכען די סחורה וועלוועלער און פערגרעסערט דערמיט די צאָהל פון די אַרבייטסלאָזע.

אַזעלכע אַרבייטס-לאָזע איז ניט שווער צו געפינען, אַזעלכע אַרבייטסלאָזע מוזען עקזיסטירען ביי דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. יעדער פאַבריקאַנט איז פאָלקאָם זעלבשטענדיג, ער לאָזט אַרויס סחורה אויפ'ן מאַרק אויף זיינע אייגענע אחריות. די פאַבריק, די ווערקצייג, די פּראָדוקציאָנס-מיטלען—דאָס איז זיין פּריוואַט-אייגענטהום און לאָזט אויף זיי מאַכען סחורות, וועלכע און וויפיעל ער אַליין געפינט פאַר נויטיג. מאַכען סחורה הייסט היינטיגע צייטען בעשאַפען פּראָדוקטען פאַר אונבעשטימטע קונים, פאַר אונבעוואוסטע קאָנסומענטען (פערברויכער), וועלכע קענען זיך געפינען אין אַנדערע שטעדט, אין אַנדערע לענדער און אָפטמאָל אין אַנדערע טהיילען וועלט. רוסישע פאַבריקאַנטען שיקען זייערע קאַרטון און לייוועוד אין כינע, ענגלאַנד שיקט איהרע געוואַנד אין דייטשלאַנד און אַמעריקע, דייטשלאַנד שיקט איהרע מעטאַל-פּראָדוקטען אין אַמעריקע א. ז. וו. וויסען פאַרוויס וויפיעל סחורה מען וועט קענען

אָבזוּעֶטצֶען אויף דעם אָדער יענעם מאַרק — דאָס איז פאַר׳ן פאַבּריקאַנט אוּמעֶגליך: ער קען, ערשטענס, ניט זאָגען געֶנוֹי, וויפיעל קונים ס׳וועלען זיין אויפן מאַרק; ער קען, צווייטענס, ניט וויסען — און דאָס איז די הויפּטזאַך — וויפיל סחורה דיזער אָדער יענער פאַבּריקאַנט מאַכט אויף פאַר דעם זעלבּען מאַרק, וואָס ער. עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט אַז יענער מאַרק, וועלכען דער פאַבּריקאַנט האָט געהאַט אין זינען, קען ניט איינשלינגען די גאַנצע מאַסע סחורה, וואָס מען האָט פאַר איהם געשאַפען, ווייל ער האָט בכלל אָנגעהויבען צו פערבּרויכען ווענעגער סחורה: דאָרשען איז, למשל, געוועזן ניט קיין נעראָטענער יאָהר און די פויערים זענען ניט בכח צו קויפען אַזוי פיל סחורה, ווי מיט אַ יאָהר צוריק. נאָך אָפטער טרעפט זיך, אַז דער מאַרק פערבּרויכט ניט גאָר די סחורה, ווייל מען האָט בכלל אָנגעפיהרט צופיעל סחורה. איין פאַבּריקאַנט האָט ניט געוואוסט פון אַנדערע, מען האָט בעשאַפען גאַנצע בערג רייכטהום, וועלכע ליגען אין די סחורה־לאַגערען, מען פערקלענערט אָדער מען שטעלט אין גאַנצען אָב די טהעטיגקייט אויף די פאַבּריקען, מען וואַרפט ארויס מאַסען אַרבּייטער אויפן גאַס, עס וואַקסט די „רעזערוו־אַרמעע”.

און כל זמן עס עקזיסטירט פּריוואַט־אייגענטהום אויף פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלען די אויסגעאַרבּייטע פּראָדוקטען אויך געהערען ניט צו יענע, וועלכע האָבען זיי אין דער אמת׳ן בעשאַפען, נאָר צו די אייגענטהימער פון די פאַבּריקען און ווערקשטאַטען, וועט יעדער פּראָגרעס אין די ווערקציינג, וועט יעדע אויסגעבעסערטע מאַשין פערגרעסערען די צאָהל פון די אַרבּייטס־לאָזע. כל זמן, וויעדער, עס עקזיסטירט פּריוואַט־אייגענטהום אויף פּראָדוקציאָנס מיטלען קען די פּראָדוקציאָן ניט רעגולירט ווערען, קען זי קיינער ניט קאָנטראָלירען, קען קיינער ניט אויפפאַסען, אַז עס זאָל בעשאַפען ווערען אַזוי פיל סחורה, וויפיעל דער סחורה־מאַרק פאָדערט, מוזען דעריבּער פּאָרקומען גרעסערע אָדער קלענערע אינדוסטריעלע קריזיסען, מוזען גאַנצע מחנות אַרבּייטער אַרויסגעוואָרפען ווערען אויפ׳ן גאַס, מוז עקזיסטירען אַ „רעזערוו־אַרמעע”.

אַרבּייטסלאָזע, זאָגען מיר, איז ניט שווער צו געפינען, און אויב עס וואָלט ניט עקזיסטירט אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל

איינהאַלטען די שכירות אויף אַ געוויסער מדרגה, וואָלטען די אַרבייטס־געבער מיט גרויס פערגניגען זי אַראָבגעזעצט ביז'ן נידריגסטען גראַד, ביז אַ הונגער לוין. דיזע קראַפט איז די אָרגאַניזאַציע פון אַרבייטער, זיינע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, דער ווידערשטאַנד פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. די שטרעבונג פון די קאַפּיטאַליסטען אַראָבצוזעטצען די שכירות וואָס נידריגער בעגעגענט זיך מיט אַ פערקערטער שטרעבונג פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אויפצוהויבען די שכירות וואָס העכער; עס קומט פאָר אַ שטרייט צווישען די ביידע געגענזעצליכע שטרעבונגען, אַ שטרייט, וועלכער ענדיגט זיך דאָ מיט דעם זיעג פון איין צד, דאָ פון אַנדערען. דאָס ווענדט זיך אָן דעם אַרבייטס־מאַרק. אויב דאָרטען זענען דאָ פיעל איבריגע אַרבייטס־הענד (ווי למשל אין אַ קריזיס־צייט) זיעגען די אַרבייטס־געבער און די שכירות פאַלט; אויב דאָרטען איז אַרבייטס־הענד וועניג (ווען די פּראָדוקציאָן בליהט אויף), זיעגען די אַרבייטער און די שכירות הייבט זיך. דער רעזולטאַט פון דיזען שטרייט איז, דאָס דער אַרבייטס־לוין קען ניט אַראָבפאַלען גאַנץ נידריג, ווי דאָס וואָלטען וועלען די אַרבייטס געבער, און קען זיך ניט אויפהויבען גאַנץ הויך, ווי דאָס וואָלטען פערלאַנגען די אַרבייטס־נעהמער: דורכשניטליך צאָהלט מען פאַר די אַרבייטסקראַפט אַזוי פיל, וויפיל דער אַרבייטער דאַרף האָבען אויף צו בעפריעדיגען זיינע נויטווענדיגסטע בעדערפניסען.

די נויטווענדיגסטע בעדערפניסען זענען אָבער ניט אומעטום גלייך. זיי ווענדען זיך אָ פיעלע גענזשאַפטליכע בעדינגונגען און איבערהויפט אָן דעם קולטורעלען צושטאַנד פון לאַנד. אין דייטשלאַנד למשל רעכענט דער אַרבייטער אַריין אין זיינע נויטווענדיגסטע בעדערפניסען יעדען טאָג אַ גלאָז ביער, אַ צייטונג, אַ בוך, מהעאַטער א. ד. גל. די נויטווענדיגסטע בעדערפניסען פון ענגלישען אַרבייטער זענען גרעסער פון דעם דייטשען, דער אַמעריקאַנער אַרבייטער האָט פיעל העכערע בעדערפניסען, ווי דער ענגלענדער. אויב מיר זאָלען נעהמען דעם רוסישען אַרבייטער, וועלען מיר זעהען, אַז זיינע בעדערפניסען זענען ניט אומעטום גלייך. ביי דעם שטאָדטיגען אַרבייטער זענען די בעדערפניסען גרעסער ווי ביים דאָרפישען; ער דאַרף זיך שענער אָנטהאָן, ער טרעפט זיך מעהרער מיט מענשען און האָט

דערִיבּער גרעֶסערע אויסגאַבּען ווי דער דאָרפִישער. עס איִז דעריִבּער קיין חדוש ניִט, וואָס דער אַרבּײטס־לוין איִז פערשיִדען איִן פערשיִדענע שטעדט און פערשיִדענע מלוכות.

אויבּ מיִר זאָלען ווענלען פערגלייכען דעם אַרבּײטס־לוין איִן פערשיִדענע לענדער וועלען מיִר בּעקומען אַזאַ בּיִלד: *)

| | אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא** | ענגלאנד | דייטשלאנד | פראנקרייך |
| --- | --- | --- | --- | --- |
| טאג ארבייטער | דורכשניטליך 71 רובל א חודש | דורכשניטליך 41 רובל א חודש | דורכשניטליך 31 רובל א חודש | דורכשניטליך 43 רובל א חודש |
| מאשיניסטען | 120 „ „ | 68 „ „ | 62 „ „ | 64 „ „ |
| שמידען | 131 „ „ | 72 „ „ | 57 „ „ | 76 „ „ |
| טעסליא־עס | 118 „ „ | 80 „ „ | 67 „ „ | 36 „ „ |
| דרוק־זעצער | 176 „ „ | 68 „ „ | 57 „ „ | 62 „ „ |
| מויערער | 208 „ „ | 83 „ „ | 58 „ „ | 65 „ „ |

ניִט דאָ איִז דער אָרט גענוי צו ערקלערען דיִ אורזאַכען, צוליבּ וועלכע דער אַמעריִקאַנער אַרבּײטער פערדיִנט פיִעל מעהרער איידער דער אַרבּײטער איִן אייראָפּע. דיִ הויפּט אורזאַכע ליִגט דעריִן, וואָס איִן אַמעריִקע האָט זיִך נאָך מיִט איינִיגע צעהנדליִג יאָהר צוריִק געפונען אַ גרויסער פאָרראַט פרייע ערד און יעדער נייַ אָנגעקומענער אַרבּײטער האָט געקענט פאַר זיינער קליינע פּאַכט־געלד דיִנגען אַ שטיִקעל ערד און פיִהרען זיין וויִרטשאַפט אָהן דאגות און דחקות. כדי צוצוציִהען אַרבּײטער, האָבּען דיִ איִנדוסטריעלע אונטערנעהמער געמוזט צאָהלען אַזאַ אַרבּײטס־לוין, וועלכער זאָל זיין העכער פון דעם פערדיִנסט וואָס מען קען האָבּען, פיִהרענדיִג אַ זעלבּסטשטענדיִגע פויערען־וויִרטשאַפט. אַ דאַנק דעם הויכען אַרבּײטס־לוין האָבּען זיִך אויפגעהויבּען דיִ נויטווענדיִגסטע בּעדערפניִסען פון אַמעריִקאַנער אַרבּײטער און דיִ קאָנקורענץ פון דיִ אָנגעפאָהרענע קען ניִט אַראָבּזעטצען דיִ שכירות פון דעם געבּאָרענעם אַמעריִקאַנער אויף אַזוי פיִעל, אַז ער זאָל זיִך דאַרפען ענטזאַגען פון זיינע לעבּענס־געוואָהנהייטען: דיִ פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וועלכע זענען

*) דיזע ציפערן זענען גענומען פון דעם בעריכט פון וואשינגטאנער ארבייטס־ביורא אין יאהר 1904.

**) דא רעדט זיך וועגען די געבארענע אמעריקאנער ארבייטער.

זעהר מעכטיג צווישען די גרעבאָרענע אַמעריקאַנער אַרבייטער, וויזען אַרויס אַ העפטיגען ווידערשטאַנד די שטרעבונגען פון די קאַפּיטאַליסטען. ביי אָנגעפאָהרענע אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט אַזעלכע הייכע לעבענסבעדערפניסען, ווי די אַמעריקאַנער גופא און וועלכע זענען ניט אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, איז דער אַרבייטס־לוין, פערשטעהט זיך, נידעריגער.

אויב מיר זאָלען פערגלייכען דעם אַרבייטס־לוין פון אַמעריקאַנער און רוסלענדער אַרבייטער, וועלען מיר זעהען, אַז איינינע סאָרטען אַרבייטער, ווי למשל די מויערער, פערדינען אין אַמעריקע אין איין חודש דורכשניטליך אויך אַזוי פיעל, ווי פיעל דער רוסלענדער פערדינט דורכשניטליך אין איין יאָהר. און דאָס איז ניט נאָר דערפאַר, וואָס אין אַמעריקע קאָסט דאָס לעבען זעהר טייער. אמת, איינינע פּראָדוקטען קאָסטען דאָרטען עטוואָס טהייערער: אַ פונט פלייש (ענגלישע געוויכט, וועלכע איז עטוואָס גרעסער פון אונזערע), קאָסט דאָרטען אַנ׳ערך 28 קאָפּיקעס, אַ פונט בוטער 48 קאָפּיקעס, דערפאַר אָבער קאָסטען דאָרטען אַנדערע פּראָדוקטען עטוואָס ביליגער: אַ פונט מעהל (ענגלישע געוויכט) 4 קאָפּיקעס, אַ פונט צוקער 10 קאָפּיקעס, אַ פונט טהע 1 רובל. אַ דירה קאָסט דאָרטען אויך ניט טהייערער. בכלל קען מען זאָגען, אַז דאָס לעבען אין אַמעריקע קאָסט נאָר מיט אַ 10 פּראָצענט טהייערער, ווי אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, און אויב דער אַרבייטער פערדינט דאָרטען 2—3 מאָל אַזוי פיעל ווי אין אייראָפּע (לגבי רוסלאַנד 6—12 מאָל מעהרער), האָט ער טאַקי די מעגליכקייט צו בעפרידיגען נייע בעדערפניסען, צו געניסען מעהרער פון לעבען.

דער אַמעריקאַנער אַרבייטער בענוגענד זיך אָבער ניט דער־מיט, וואָס ער פערדינט מעהרער פון זיינע אויסלענדישע חברים. זיינע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען גיבען איהם די מעגליכקייט צו פיהרען אַ שטענדיגען קאַמפּף פאַר אַ העכערע שכירות. אין פערלויף פון 20 יאָהר (פון 1880 ביז 1900) האָבען די אַמע־ריקאַנער פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אָרגאַניזירט 14,457 שטרייקען און האָבען אויסגעגעבען פאַר שטרייקענדע 32 מיליאָן רובל. מעהרער ווי אַ העלפט שטרייקען זענען דאָרטען פאָרגעקומען צוליעב דעם אַרבייטס־לוין (52 פּראָצענט פון אַלע שטרייקען):

45 פראָצענט זענען געווען פאַר אַ העכערען אַרבייטס לוין, 7 פראָצענט—מיט דעם ציעל איינצוהאַלטען דעם פריהערדיגען אַרבייטס־לוין, וועלכען די בעל הבתים האָבען געוואָלט אַראָבזעטצען). אין פערלויף פון די לעצטע 15 יאָהר האָט זיך דער אַרבייטס־לוין אין אַמעריקע געהעכערט אויף 16 פראָצענט און דאָס איז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די עמיגראַציע אין אַמעריקע איז אַזוי גרויס. פון דיזע ציפערן קענען מיר זיך לייכט איבערצייגען, וואָס פאַר אַ גרויסע מאַכט די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָבען אין קאַמפף פאַר אַ העכערען אַרבייטס־לוין.

## ד. בעסערע אַרבייטס בעדינגונגען.

דער אונטערנעהמער פיהלענדיג די מאַכט, וואָס ליגט אין זיין קאַפּיטאַל, זעהענדיג ווי אָבהענגיג עס זענען פון איהם די אַרבייטער, הויבט אָן צו קוקען אויף די אַרבייטער, ווי אויף אַ נידעריגערע בעשעפעניש, מיט וועלכער מען קען זיך בעגעהן, ווי מען וויל: מען קען זידלען, שימפּפען און אַמאָל אויך געבען אַ קלאַפּ. אויב דעם בעל־הבית אַליין פּאַסט ניט זיך צו פערנעהמען דערמיט, האָט ער אויף דערויף ספּעציעלע משרתים, אויפקוקער, מייסטערס. בעליידיגען די מענשענווערדע פון אַרבייטער אויפ'ן ווילדעסטען אַרט האַלט מען פאַר אַ גאַנץ נאַטירליכע און געוועהנליכע זאַך. ס'איז געגונג אָנצוווייזען אויף דאָס בעגעהן זיך מיט די אַרבייטערינען, אויף די שענדליכע אונטערזוכונגען, וועלכע ווערען געמאַכט אויף פילע פאַבריקען ביים אַרויסגעהן פון פאַבריק, אויף די גראָבקייט, אונפערשעמטהייט און בעליידיגונגען, וואָס שיטען זיך אַלע ווייטע אויף דעם אַרבייטערס קאָפּ.

די פאַבריקאַנטען שטרעבען שטענדיג דערצו, אַז די סחורה, וואָס ווערט ביי זיי אויסגעאַרבייט, זאָל זיי קאָסטען וואָס ביליגער. אויף ביליגע סחורה, אויב זיי זענען ניט ערגער געמאַכט פון אַנדערע, קען מען קריגען מעהרער בעלנים, מען קען אויסקאָנקורירען אַנדערע סחורות. ענטזאַגען זיך פון די אייגענע פערדינסטען כדי די סחורה זאָל ווערען ביליגער—דאָס ווילט זיך געוועהנליך ניט דעם פאַבריקאַנט, אָבשפּאָרען אויף אינסטרומענטען, אויף מאַשינען איז אויך אונמעגליך. דעם אַרבייטס־געבער בלייבט נאָר

אײן װעג: אָבשפּאָרען פון אַזעלכע הוצאות, װאָס ער רופט אָן „זײַטיגע״: אָבשפּאָרען אַ ביסעל לופט, אַ ביסעל ליכט-ניט פון זיך, פערשטעהט זיך, נאָר פון די אַרבײטער. ער נעהמט אַנ׳אײנגערע דירה פאַר די אַרבײטער, ער שפּאַרט צוזאַמען פיעל מענשען אין אײן שמוציגע געבײַדע, װאו מען פערברענגט שעה׳ן לאַנג אין אַ שטיקענדע, פערגיפטעטע לופט. אויף לוסטרײַזען, אויף לופטקוראָרטען פאַר זיך פערגינען זיך די פאַבריקאַנטען אויסצוגעבען טױזענדער; אויסגעבען אָבער אַנ׳איבעריגען רובל אויף אַ ביסעל פרישע לופט, אויף אַליכטיגען זונענשטראַהל פאַר׳ן אַרבײטער, — אויף דערויף האָבען זײ נעבאַך קײן געלט ניט! זאָלען זיך די אַרבײטער שטיקען דאָרטען אין היטץ און ענגשאַפט, זאָלען דאָרטען אויסגעפוילט װערען זײערע לונגען, װעמען האַרט עס? אַרבײטער איז דאָ געגוג, װעט דער קראַנק װערען, װעט מען קריגען אַנ׳אַנדערען.

די גלײַכגילטיגקײַט צום אַרבײטערס געזונד און לעבען איז בײַ די קאַפּיטאַליסטען אַזױ גרױס, אַז זײ פערגינען זיך ניט אויסצוגעבען עטליכע רובל אויף פאַרשידענע שוץ-מיטלען, אַז די אַרבײטער זאָלען זיך ניט פערטשעפּענען אָן די מאַשינעס, זײ זאָלען ניט װערען קײן אײביגע קאַליקעס, אַרײַנפאַלענדיג אונטער אַ ראָד, אונטער אַ מאַשינען-פליגעל, זײ זאָלען ניט פערשאָטען װערען אין די קױהלען-גריבער, זײ זאָלען דאָרטען ניט דערשטיקט װערען פון גאַז, װעלכע קען זיך אָנכאַפּען בײַ דער קלענסטער אונפאָרזיכטיגקײט. אַרבײטענדיג אײניגע שעה׳ן נאָכאַנאַנד אין טומעל, געראויש און פערפּעסטעטע לופט, פערלירט דער פערדולטער אַרבײטער די פעהיגקײט צו זײַן פאָרזיכטיג, צו היטען זיך, אַז די מאַשין זאָל איהם ניט אַרײַנדרעהען אַ האַנד, אַ פוס. װי אַנ׳אַוטאָמאַט דרעהט ער זיך צװישען די אָפענע רעדער, אונטער די שװימענדע רימענס און װערט ניט זעלטען אַ קרבן פון דער בעלי-בתישער געלד-גײַציגקײַט. װער רעדט שוין װעגען די גרובאַרבײטער, װעלכע עס קען אָפט ניט ראַטעװען פון טױדט קײן שום פאָרזיכטיגקײַט און אין װעמענס אונגליק ס׳זענען דאָס רוב שולדיג נאָר די אונטערנעהמער אַלײן. ס׳איז גענוג אָנצואװײַזען אויף די קאַטאַסטראָפע, װעלכע איז אין מערץ 1906 פאָרגעקומען אין קאַריער (פראַנקרײַך), װאו נאָהענט 1200 מאַן קױהלען-גרעבער

זענען פערברענט און דערשטיקט געוואָרען היַיל צוליב דעם, וואָס די קויהלען-מאַגנאַטען האָבען ניט אָנגעווענדעט די נויטהיגע פאָרזיכטס-מיטלען.

וויפיעל נפשות קאָסט דעם פראָלעטאַריאַט די געלד-גייציגקייט פון די קאַפּיטאַליסטאַן, וויפיעל מענשען געהען פון דער וועלט און בלייבען קאַליקעס צוליב די „אונגליקסצופאַלען" קען מען זעהען פון דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, וועלכע מיר ברענגען דאָ בנוגע צו דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד אַליין זענען פון „אונגליקס-צופאַלען":

| | אין יאָהר 1902 | אין יאָה-1903 | אין יאָהר 1904 |
|---|---|---|---|
| געהרג'עט געוואָרען | 7842 | 8370 | 8752 |
| שווער פערוואונדעט געוואָרען | 112,059 | 121,005 | 128,921 |

דאָס הייסט אין פערלויף פון 3 יאָהר זענען אין דייטשלאַנד אַליין 24,964 אַרבייטער אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט און 361,985 אַרבייטער זענען געוואָרען „שווער פערוואונדעט", פשוט'ער גערעדט: זענען געוואָרען קאַליקעס פין „אונגליקס צופאַ-לען". פון דיזע ציפערען איז זיך לייכט פאָרצושטעלען וויפיעל קרבנות דער אַרבייטער קלאַס ברענגט דעם גאָלדענעם קאַלב אַלע יאָהר אין דעם געשטאַלט פון טויטע און שווער-פערוואונדעטע פראָלעטאַריער. גאַנצע מחנות זיינע ווערען יעהרליך אָויסגע-שלאַכטעט רוהיג, קאַלטבלוטיג, אָהן רעש און טומעל, אָהן קריגסקינדיגונג, אָהן האַרמאַטען און פאַנצערשיפען, אָהן פויקען און טרומעטען!

ביי אונז אין רוסלאַנד האָט די פאַבריק-אינספעקציע רעגיסטרירט אין יאָהר 1901—27,135 „אונגליקסצופאַלען" אויף 2919 פאַבריקען און זאַוואָדען, דאָס הייסט נאָר אויף אַ זעקסטעל פון אַלע פאַבריקען, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דער השגחה פון דער פאַבריק אינספעקציע*). און אַז דער יאָהר 1901 איז ניט געוועזען קיין יוצא מן הכלל, קיין אויסנאַהמ'ס יאָהר קענען מיר זעהען פון די פאָלגענדע ציפערען: אין יאָהר 1903 זענען

*) אונטער דער השגחה פון דער פאבריק-אינספעקציע האבען זיך דעם 1-טען יאנואר 1902 יאהר געפונען 27,185 פאבריקען און זאוואדען.

אויף 647 מאָסקווער פאַבריקען מיט 92,237 אַרבייטער רעגי־סטרירט געוואָרען 8976 אונגליקס־צופאַלען, ד. ה. צו 97 גע'הרג'עטע אין פערוואונדעטע אויף יעדע טויזענד אַרבייטער. נאָך מעהרער קרבנות האָט געהאַט אין יאָה־ 1902 דער פּראָלע־טאַריאַט פון איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק: זיין אַרמעע פון 27316 האָט פערלאָרען 9858 גע'הרג'עטע און פערוואונדעטע, ד. ה. צו 364 קרבנות אויף יעדע טויזענד. אַזא גרויסען פערלוסט האָבען געהאַט נאָר אונזערע רוסישע העלדישע גענעראַלען אין דעם אונגליקליכען רוסיש־יאַפּאַנישען קריג.

כמעט אין אַלע לענדער געפינען מיר געזעצען, וועלכע פערפּפליכטען די אונטערנעהמער אָנצואווענדען געוויסע פּאָרזיכטס מיטלען, ס'זאָלען ניט פּאַסירען אַזעלכע אונגליקס צופאַלען; כמעט אין אַלע לענדער געפינען מיר געזעצען וועגען די היגיענישע און סאַניטאַרע בעדינגונגען פון די פאַבריקען און ווערקשטאַטען, אָבער דיזע געזעצען איז די פאַבריקאַנטען גאַנץ לייכט עובר צו זיין, אויב די אַרבייטער אַליין, אויב זייערע אָרגאַניזאַציעס וועלען ניט אַכטונג געבען, אַז זיי זאָלען ערפילט ווערען. מיר האָבען שוין אויבען געבראַכט איינינע ציפערען, וועלכע דערווייזען ווי ביי אונז אין רוסלאַנד ווערט אָבגעהיט דער צערויסענער און צופליקטער געזעץ פון 1897, ווי גוטהערציג די פאַבריק־אינספעקציע איז צו די פאַבריקאַנטען, וועלכע זענען עובר דעם געזעץ. אַזעלכע פאַקטען קען מען געפינען זעהר פיעל אין יעדער אַרבייטער צייטונג און ניט נאָר ביי אונז, נאָר אפילו אין אויסלאַנד. נאָר אין דער צייט וואָס דער אויסלענדער פאַבריקאַנט דאַרף מורא האָבען, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין זאָל זיך ניט אַריינמישען אין דער זאַך, האָבען זיך אונזערע פאַבריקאַנטען ביז דער לעצטער צייט געפיהלט „ווי גאָט אין פראַנקרייך”. זיי האָבען געוואוסט, אַז מיט דעם פאַבריק־אינספעקטאָר און פּאָליציי איז ניט שווער מושווה צו ווערען, און וואָס איז אָנבעלאַנגט די אַרבייטער גופא איז פאַר זיי ניטאָ שטאַרק וואָס מורא צו האָבען. אויב ס'וועט זיך שוין געפינען אַנ'אַרבייטער אַ חציף, וואָס וועט קיין מורא ניט האָבען פאַר'ן בעל־הבית און וועט זיך וועלען קלאָגען, איז איידער ער וועט זיך דערשלאָגען אַ דין און יושר וועט איהם אַרויסקריכען די אויגען, און אויב ער וועט זיך שוין יע דערשלאָגען, וועט דאָס איהם קאָסטען

אַזוי פיעל געלר און געזונד, אַז ער וועט פּערזאָנען אַ צעהנטען, קעמפּפען פאַר מענשליכע בעהאַנדלונגען מיט די אַרבייטער, קעמפּפען פאַר אַזעלכע געזעצען, וואָס זאָלען בעשיצען דעם אַרבייטערס געזונד און לעבען אויפ׳ן פאַבריק און ווערקשטאַט, קעמפּפען, אַז דיזע געזעצען זאָלען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען — דאָס איז אַנ׳אויפגאַבע פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען.

## ה. קולטורעלע אויפגאַבען.

ניט נאָר די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, נאָר אַפילו די בילדונג איז אויך היינטיגע צייטען אַ מאָנאָפּאָל פון די רייכע. ווי נאָר דאָס אַרבייטער־קינד ווערט פעהיג עפּעס צו פערדינען, גיבען איהם די עלטערן אָב אויפ׳ן פאַבריק, אין ווערקשטאַט. פאַר׳ן אַרבייטער איז דאָס קינד אַ משא, אַ שווערע לאַסט, און ער איז זעהר צופרידען, אַז ער קען פּטור ווערען פון דיזען יאָך. געבען אַנ׳עלטערעס קינד אין שוהל, לאָזען איהם זיך לערנען ביז ער וועט ווערען אַ פאָלשטענדיגער מענש — אַזאַ תענוג קען זיך היינטיגע צייטען אָנטהאָן נאָר דער נגיד. מיר ריידען שוין ניט וועגען אונזער רוסלאַנד, וואו די עלטערן זענען גאָר ניט מחויב צו געבען לערנען זייערע קינדער אין די נידריגע שוהלען; אַפילו אין יענע לענדער, וואו יעדער בירגער איז פערפּפליכטעט צו שיקען זיינע קינדער אין שוהל ביז 12-14 יאהר, איז אויך דער אַרבייטער ניט אים שטאַנד אַרויסצוטראָגען וואָסער ניט איז פאַר וויסענשאַפט פון די קינדער שוהלען. פערברענגענדיג גאַנצע טעג און אַמאָל אויך נעכט אין ווערקשטאַט, פערגעסט דער אַרבייטער גאַנץ אָפט אַפילו דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געקענט. בפרט נאָך, אַז מען סטאַרעט זיך אין די קינדער שוהלען ניט צו געבען קיין וויסענשאַפט, בפרט נאָך, אַז מען סטאַרעוועט זיך אַזוי צו פערדולען די קינדער די קעפּ, אַז קיין אמת׳ע וויסענשאַפט זאָל שוין אַהין קיינמאָל ניט קענען אַריין. רבנים, גלחים, יעזואיטען אונטער אַלערליי מאַסקען — זיי האָבען אַ ברייטען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון די קינדער, זיי האָבען אַ פריַהען צוטריט צום קינדערשען מח. און זענען אַזוי מדריך זייערע תלמידים, אַז פון זיי זאָלען אויסוואַקסען געהאָרכזאַמע כשר׳ע שעפּעלעך, וואָס לאָזען זיך שערען און מעלקען.

אָבֶּער דאָס אִיז נאָך נִיט גאָר. אַרויסגעהענדיג פון דער פאָלקסשוהלע, קען דער אַרבּייטער נאָך נִיט בּעפרייען זיין פ׳רשטאַנד פון די נעטצען, וואָס די בּורזשואַזיע און יעזואִיטען פערשפּרייטען פאַר אִיהם. אויף די גאָלדענע שטראַהלען פון קאַפּיטאַל, אויפ׳ן וואונק פון די הערשענדע קלאַסען פליהען צונויף פּראָפעסאָרען, „געלעהרטע״ און ליטעראַטאָרען, און דיזע מחנה לעהרער און לעהרערלעך, שרייבּער און שרייבּערלעך, וואָס פערפלייצען די שוהלען און ליטעראַטור, ווענדען אָן זייערע אַלע קרעפטען צו פערפינסטערען דעם מח פון די פאָלקס־מאַסען, צו פערגיפטען זייער הארץ. זיי בּעשאַפען פאַלשע טהעאָריעס און קריגען דערפאַר געהאַלט, זיי פאַלסיפיצירען די היסטאָריע און בּעקומען מעדאַלען, זיי בּעדעקען די אמת׳ע, די ריינע וויסענשאַפט מיט אַ דיקען קאַוואָנעם מאַנטעל, זיי פערשלייערן אַלץ, וואָס איז ריין, און עהרליך מיט אַ פינסטערע כמאַרע פון אמונה און מאָראַל, זיי לעגען זיך אין דער לענג און דער בּרייט נאָר צו בּעהאַלטען דעם אמת, צו פערגלעטען די שאַרפע קאָנטראַסטען פון דער איצטיגער געזעלשאַפט, צו האַלטען די אַרבּייטער־מאַסען אין פינסטערניש, אין אונוויסענהייט און צו פערלענגערען די הערשאַפט פון די רייכע קלאַסען.

דער אַרבּייטער־קלאַס קען נִיט צובּרעכען זיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קייטען, נִיט צובּרעכענדיג די גייסטיגע קייטען, אין וועלכע ער איז געשמידט, ער קען נִיט פיהרען זיין בּעפרייאונגס־קאַמפף, נִיט בּעפרייענדיג זיין שכל פון די פערשימעלטע און גיפטיגע וויסענשאַפט, וואָס זיינע רבּיים און לעהרער האָבּען איהם אָנגעשטאָפּט. ער דאַרף פערשטעהן, וואו עס ליגט די אמת׳ע אורזאַכע פון זיין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פערקנעכטונג, ער דאַרף פערשטעהן דעם געגענזאַץ פון זיינע אינטערעסען מיט די אינטערעסען פון די רייכע קלאַסען, זיין לאַגע אין דער איצטיגער געזעלשאַפט און די מיטלען, דורך וועלכע ער קען זיך בּעפרייהען פון דער איצטיגער לאַגע. די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען דאַרפען זיך דעריבּער שטעלען פאַר אַנ׳אויפגאַבּע אויפצוהעבּען דעם קולטורעלען און גייסטיגען צושטאַנד פון אַרבּייטער־קלאַס. וואָס בּעוואוסטזיניגער עס וועט זיין דער אַרבּייטער, אַלץ שטאַרקער וועלען זיין זיינע אָרגאַניזאַציעס, אַלץ קלערער וועט ער שטרעבּען

צו זײַנע ציעלען, אַלץ מעכטיגער וועט זײַן זײַן קאַמפּף. וויסענשאַפט איז מאַכט.

III.

# דורך וועלכע מיטלען ערפילען די פּראָפעסיאָנעלע פערייַנען זייערע אויפגאַבען?

## א. קאָלעקטיווער קאָנטראַקט.

יעדער אַרבײַטער בעזונדער איז צו שוואַך צו דיקטירען זײַנע בעדינגונגען דעם אַרבײַטס-געבער: ער ווייס ניט דעם אַרבײַטס-מאַרק, ער ווייס ניט ווי גרויס עס איז איצט די נאָכפראַגע אויף אַרבייטער און ווי גרויס עס איז דער אָנבאָט פון אַרבײַטס-קראַפט. געטריעבען דורך הונגער און נויט, מוז דער אַרבײַטער אַרויסטראָגען אויפ'ן מאַרק פערקויפען די איינציגע סחורה, וואָס ער האָט, זײַן אַרבײַטס-קראַפט. דער פּרייז אויף זײַן סחורה, דער אַרבײַטס-לוין, ווענדט זיך דערבײַ פון אַזוי פיעל אומשטענדען, וועלכע ער איז ניט אימשטאַנד צו בעזײַטיגען און געגען וועלכע ער האָט ניט קיין קראַפט צו קעמפפען. דער פּרייז פון זײַן סחורה, דער אַרבײַטס-לוין, ווענדט זיך אָן דער קאָנקורענץ פון די ס'איבריגע אַרבײַטער און פון דער האַרטנעקיגקײַט פון דעם אַרבײַטס געבער. זעלבסטפערשטענדליך, אַז בײַ אַזעלכע אומשטענדען האָט דער אַרבײַטס-געבער די פאָלקאָמע מעגליכקייט צו צווינגען דעם אַרבײַטער, ער זאָל זיך שטעלען אַרבײַטען אויף די בעדינגונגען וועלכע ער, דער אַרבײַטס-געבער, וויל. דער פאַבריקאַנט האָט אַ גרעסערע מעגליכקייט צו וואַרטען אויף אַ וואָלוועלערען אַרבײַטער, איידער דער אַרבײַטער אויף אַ בעסערען בעל-הבית: איהם טרייבט ניט דער הונגער, איהם צווינגט ניט דער דלות.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער, ווען מיט'ן אַרבײַטס-געבער פיהרט אונטערהאַנדלונגען ניט יעדער אַרבײַטער בעזונדער, נאָר דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין. דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין ווייס בעסער און וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס געפינט זיך דער סחורה-מאַרק, צו נויטיגט מען זיך איצט אין פיעל אָדער ווייניג

אַרבּייטער; ער קען, ווידער, ביז אַ געוויסען גראַד ווירקען אויף דער קאָנקורענץ פון די אַרבּייטער צווישען זיך: אַרומנעהמענדיג אַ גרויסע צאָהל אַרבּייטער פון אַ געוויסער פּראָפעסיע, קען ער ניט דערלאָזען, אַז איין אַרבּייטער זאָל אויסשטייגען דעם צווייטען. דער ווילקיר פון פאַבּריקאַנט בנוגע צו יענע אַרבּייטער, וועלכע זוכען אַרבּייט, מוז אָבגעשוואַכט ווערען, ווייבּאַלד ער ווייס, אַז ער האָט צו טהאָן ניט מיט יעדען אַרבּייטער בעזונדער, נאָר מיט אַ גאַנצען פערעיין, די אַרבּייטס-בעדינגונגען דאַרפען דעריבּער זיין בעסערע.

די פּראָפעסיאָנעלע פערעיינען שטרעבען דעריבּער אומעטום דערצו, אַז דעם קאָנטראַקט זאָל דער פאַבּריקאַנט אויסאַרבּייטען ניט מיט יעדען אַרבּייטער בעזונדער, נאָר מיט'ן פּראָפעסיאָנעלען פערעיין, ד. ה. אַז דער קאָנטראַקט זאָל זיין אַן'אַלגעמיינער פאַר אַלע אַרבּייטער, וואָס וועלען ביי איהם אַרבּייטען, אָדער, ווי מען רופט עס אַנדערש, אַ „קאָלעקטיווער קאָנטראַקט". אַלע מיטגליעדער פון פּראָפעסיאָנעלען פערעיין, וועלכע האָבען זיך אָנגענומען צו אַרבּייטען אויף די בעדינגונגען, וואָס דער פּראָפעסיאָנעלער פערעיין האָט אָבגעמאַכט, זענען דאַן מחויב צו היטען דעם אָבמאַך און טאָרען ניט וואַרפען די אַרבּייט אָהן דער הסכמה פון פּראָפעסיאָנעלען פערעיין.

עס פערשטעהט זיך, אַז די אונטערנעהמער קעמפּפען דאָס רוב געגען דעם קאָלעקטיווען קאָנטראַקט. זיי ווילען זיך ניט שיידען מיט דער „פערזענליכער פרייהייט", אונטער וועלכער זיי פערשטעהען די פרייהייט אַרויסצוציהען פון אַרבּייטער די קרעפטען וואָס ביליגער; זיי ווילען ניט דערלאָזען, אַז צווישען זיי און דעם הילפלאָזען אַרבּייטער זאָל זיך שטעלען אַן'אָרגאַניזירטע מאַכט, אַן'אַרבּייטער-פערעיין, וואָס וועט זיי צווינגען אָנצונעהמען אונגינ-סטיגע בעדינגונגען. אויסער דעם מאַטעריעלען שאָדען, וואָס דער קאָלעקטיווער אָבמאַך קען ברייננגען די אינטערנעהמער, האָט דיזער אָבמאַך נאָך אַ חסרון פאַר זיי: ער פערשטאַרקט די מאַכט פון די פּראָפעסיאָנעלע פערעיינען און פערגרעסערט זייער איינפלוס. דאָס וואָלט נאָך ניט געוועזען אַזאַ בייז פאַר די קאַפּיטאַליסטען, אויב די פּראָפעסיאָנעלע פערעיינען וואָלטען זיך פערנומען נאָר מיט שמאָלע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען, וואָלטען זיך ניט

אינטערעסירט מיט ברייטע ארבייטער פּאָליטיק און וואָלטען ניט געפיהרט אזא טאקטיק, וואָס זאָל זיין צוגעפאסט צו די אינטערעסען פון גאנצען ארבייטער־קלאס. די קאפּיטאליסטען וואָלטען דאן מרוצה געוואָרען נאָכצוגעבען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אויפ׳ן עקאָנאָמישען געביט, נאָר אליין צו הערשען אויף אנדערע געביטען. דער איינפלוס פון די פעראיינען וואָלט דאן פאר זיי ניט זיין אזוי געפעהרליך. א גרויסען געפאהר פאר זיך זעהט אָבער די בורזשואזיע אין יענע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וועלכע, קעמפפענדיג פאר א בעסערע עקאָנאָמישע לאגע פאר׳ן ארבייטער, פאר בעסערע ארבייטס־בעדינגונגען, שטרעבען אין דער זעלבער צייט אין גאנצען צו פערניכטען די מעגליכקייט פון עקספּלואטאציע פון מענשען דורך מענשען. א גרויסען געפאהר פאר זיך זעהט די בורזשואזיע אין יענע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאליסטישען גייסט און בענוגנען זיך ניט מיט אנ׳ענגע פּראפעסיאנעלע טאקטיק, מיט אזא טאקטיק, וועלכע, פערבעסערענדיג אויף א ווייַלע די מאטעריעלע לאגע פון די פּראָפעסיאָנעל־אָרגאניזירטע ארבייטער, בעריהרט גאָר ניט די אינטערעסען פון דער איבעריגער ארבייטער־מאסע.

פערגרעבערען די מאכט און איינפלוס פון אזעלכע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען איז פאר די בורזשואזיע געפעהרליך, און אָט זעהען מיר טאקי, אז אין יענע לענדער, וואו די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען זענען דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאליסטישען גייסט (ווי למשל אין דייטשלאנד) טרעט די בורזשואזיע ארויס אין א העפטיגען קאמפף געגען דעם קאָלעקטיווען קאָנטראקט; פארקעהרט, יענע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וועלכע בעגרענצען זייער טהעטיגקייט מיט ריין־פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט דעם אלטען צעכען־גייסט (ווי למשל די אלטע טרעד־יוניאָנען אין ענגלאנד און אמעריקע) בעגעגנען ניט אזא ווידערשטאנד פון די קאפּיטאליסטען און פיהרען דורך אין פיעלע ערטער דעם קאָלעקטיווען קאָנטראקט.

אויף דער פּראָפעסיאָנעלער בעוועגונג אין רוסלאנד, וועלכע איז אויסגעוואקסען אונטער דעם איינפלוס פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, איז פון אָנהויב אָן געלעגען דער שטעמפּעל פון א קלאסען־בעוועגונג. די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָבען גענומען,

אנ׳אקטיווען אנטהייל אין דעם בלוטיגען קאמפף, וועלכען דער רוסלענדער פראלעטאריאט פיהרט מיט דעם אלטען בארבארישען פאליטישען רעזשים; צוזאמען מיט די סאציאליסטישע פארטייען קעמפפען זיי געגען יענע אלע מניעות, וועלכע לאזען ניט דעם פראלעטאריאט ענטוויקלען פריי זיינע קרעפטען און געהן פאר־ווערטס צו זיין פאלקאמער בעפרייאונג פון קאפיטאליסטישען יאך. און טאקי צוליב דעם, וואס די פראפעסיאנעלע פעראיינען געהען האנד ביי האנד מיט די סאציאליסטישע פארטייען פון פראלעטאריאט, טרעטען די אונטערנעהמער ארויס אזוי ענטשלאסען געגען זיי און ווילען בשום אופן זיי ניט אנערקענען. ענטשידען טרעטען זיי ארויס געגען קאלעקטיווען קאנטראקט און פיהרען א העפטיגען שטרייט געגען יענע פאדערונגען, וועלכע ווערען ארויסגעשטעלט אים נאמען פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען. די ארבייטס־געבער קענען ניט זיך ענטזאגען מיט׳ן גוטען ווילען פון יענער „פרייהייט", וועלכע זיי האבען ביז איצט געהאט, פון פרייהייט צו דריקען דעם ארבייטער וויפיעל ס׳איז נאר געווען מעגליך. אהן א הארטנעקיגען קאמפף מיט שווערע אפפערען פון ביידע צדדים וועלען די ארבייטס־געבער ניט אנעהמען קיין קאלעקטיווען קאנטראקט, און אונזערע פראפעסיאנעלע פעראיינען דארפען זיין געגרייט צו דיזען קאמפף.

---

## ב. מינימאלער ארבייטס־לוין.

כדי דער ארבייטער זאל ניט ז ן אבהענגיג פון דעם קאפריז און ווילקיר פון ארבייטס־געבער, כדי די ארבייטס־געבער זאלען זיך ניט קענען בענוטצען מיט דער ביליגער ארבייטסקראפט פון יענע ארבייטער, וועלכע זענען ניט ארגאניזירט אין פעראיינען, פאדערען די פראפעסיאנעלע פעראיינען, אז אין קאלעקטיווען קאנטראקט זאל זיין פינקטליך בעשטימט א מינימאלער ארבייטס־לוין, ד. ה. ס׳זאל זיין אנ׳אבגעשטעלטער טאריף פאר יעדען סארט ארבייט פון דיזען פאך, — א טאריף, וועלכען עס טאר ניט אראבזעצען ניט דער ארבייטער, ניט דער ארבייטס־געבער. דער פראפעסיאנעלער פעראיין, וועלכער בעשטימט צוזאמען מיט די ארבייטסגעבער דעם טאריף, קוקט אויף, אז דער אונטערנעהמער זאל דערביי

ניט ביטען די אַרבייטס-בעדינגונגען; אויב דער אַרבייטס-געבער וויל אומביטען די אַרבייטס-בעדינגונגען, אויב, למשל, ער וויל אָנהייבען צו געברויכען אַן'אַנדער סאָרט רויהע מאַטעריאַל, וועלכער מאַכט די אַרבייט שווערער, אָדער אויב ער וויל אַריינפיהרען אַ נייע מאַשין, וועלכע מאַכט די אַרבייט אינטענזיווער, אָנגע-שטרענגטער, מוז אויך אומגעביטען ווערען דער טאַריף.

למשל אין די בוימוואָל-שפינעריען פון לאַנקאַשיר (אין ענגלאַנד) עקזיסטירען טאַריפען, וועלכע בעשטימען די גרויס פון אַרבייטס-לוין פאַר אַלע בוימוואָל-שפינעריען פון דיזען געגענד. די טאַריפען זענען דערביי אַזוי פּינקטליך אויסגעטייטשט, זענען אַזוי דעטאַליזירט, אַז זיי פאַרנעהמען גאַנצע 85 זייטען מיט ציפער און קיינער פון די ביידע צדדים קען קיין שווינדלען ניט מאַכען. דאָרטען זענען אויסגערעכענט אַלע קאָמבינאַציעס, וועלכע זענען מעגליך ביים שפּינען, קלאָר בעשטימט די רויהע מאַטעריאַלען, די גיכקייט, מיט וועלכע די מאַשין אַרבייט און ד. גל. אויב דער פאַבריקאַנט וויל אומביטען איינע פון די בעדינגונגען, אָדער אויב ער וויל אַריינפיהרען אַ נייע מאַשין, נייע רויהע מאַטעריאַלען, איז ער גלייך וועגען דעם מודיע דעם פּראָפעסיאָנעלען פעראיין; און יענער שיקט גלייך זיינע בעאַמטע, אמת'ע ספּעציאַליסטען אין דער אַרבייט, וועלכע זענען אויסגעצייכענט בעקאַנט מיט דעם גאַנצען אינדוסטריע צווייג, מיט דעם צושטאַנד פון סחורה-מאַרק און אַרבייטס-מאַרק. דיזע בעאַמטע פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען קומען זיך צוזאַמען מיט די פערטרעטער פון די פאַבריקאַנטען, בעטראַכטען גענוי, וואָס פאַר אַ ווירקונג די נייע מאַשין, אָדער די נייע רויהע מאַטעריאַל וועט האָבען פאַר די אַרבייטער און פאַברי-קאַנטען און לויט דיזע אויספאָרשונגען בעשטימען זיי דעם טאַריף.

עס פערשטעהט זיך אַז דיזער נאָרמאַלער אַרבייטס-לוין ווערט בעשטימט ניט אויף אויביג. אויב די בעדינגונגען בייטען זיך, למשל, אויב דער פאַבריקאַנט הויבט אָן צוליב פערשידענע אור-זאַכען בעקומען אַזאַ פערדינסט, וועלכער איז העכער פאַר'ן נאָר-מאַלען פערדינסט, וואָס די איבריגע פאַבריקאַנטען בעקומען, לייגען די אַרבייטער פעראיינען פאָר דעם פאַבריקאַנט אומצוביטען דעם טאַריף אַזוי, אַז די אַרבייטער זאָלען אויך עטוואָס געניסען פון די פערגרעסערטע פערדינסטען. עס הויבען זיך אָן אונטער

האַנדלונגען צווישען די אַרבייטס־געבער און אַרבייטס־נעהמער און דער טאַריף ווערט אומגעביטען לטובת די אַרבייטער.

דאָס איז אַלץ גערעדט וועגען אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע פערייניגען, וועלכע די פאַבריקאַנטען אַנערקענען און מיט וועלכע זיי שטימען איין צו מאַכען אַ קאָלעקטיווען קאָנטראַקט. דאָ איז ניטאָ שטאַרק וואָס מורא צו האָבען פאַר די קאָנקורענץ פון די „זייטיגע“ ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער, ווייל דער פאַבריקאַנט האָט זיך פערפליכטעט צו צאָהלען אַ געוויסען מינימאַלען אַרבייטס־לוין. גאַנץ אַנדערש איז אָבער אין יענע לענדער און אין יענע פּראָפעסיעס, וואו די אונטערנעהמער ווילען ניט אַנערקענען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אַלס פערטרעטער פון די אַרבייטער און ווילען מיט זיי ניט אַריין אין קיינע אונטערהאַנדלונגען און קיינע אָבמאַכען. דאָ קען דער מינימאַלער לוין־טאַריף דורכגעפיהרט ווערען ניט דורך אונטערהאַנדלונגען און פשרות, נאָר דורך אַ קאַמפף מיט די אַרבייטס־געבער, דורך אַ שטרייק. פערשטעהט זיך, אַז בעת אַ שטרייק זענען די אונאָרגאַניזירטע אַרבייטער אויך זעהר געפעהרליך, אָבער ניט אַזוי פיעל ווי אין אַ נאָרמאַלע פריעדליכע צייט. דער ניט אָרגאַניזירטער אַרבייטער, ווי אונבעוואוסטזיניג ער זאָל ניט זיין, וועט זיך גוט מישב זיין איידער ער וועט געהן אויף די שטעלע פון אַ שטרייקענדען אַרבייטער: אַ שטרייק־ברעכער ווערט פעראַכטעט און פערפאָלגט, אויף שטרייק־ברעכער ליגט קין׳ס שטעמפעל, דאָס איז אַ פלעק, וועלכען ס׳איז שווער פון זיך אָבצוואַשען.

דערשלאָגענדיג זיך אַ מינימאַלען אַרבייטס־לוין, קענען די אַרבייטער פון דעסטוועגען ניט געניסען אונגעשטערט די פרוכט פון זייער קאַמפף. דעם פאַבריקאַנט׳ס גייציגע אויג קוקט אַרויס און לויערט אויף זיינע פיינד. ווי נאָר די סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער ווערט אָבגעשוואַכט, ווי נאָר אין די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען בעווייזען זיך סמנים פון זאָרגלאָזיגקייט און נאַכלעסיגקייט, וואַרפען זיך די אַרבייטס־געבער אַרויף אויף זייער פיינד און ווילען פון איהם אַרויסרייסען דאָס, וואָס זיי האָבען נאָך אַ שווערען קאַמפף געמוזט אָבגעבען. אויב דעם פאַבריקאַנט איז אונמעגליך אָפען אָבצונעהמען צוריק די הנחות, וואָס ער האָט געמאַכט די אַרבייטער, זוכט ער דאָס צו טהאָן פערמאַסקירטערהייד. ער פיהרט אַריין נייע סאָרטען אַרבייט, וועלכע מען האָט ניט געקענט

פאָרוים זעהען און וועגען וועלכע עס איז דעריבער ניט בעשטימט געוואָרען קיין טאַריף, ער הויבט אָן צו געברויכען נייע ביליגערע סאָרטען פון רויהע מאַטעריאַל, וועלכע נעהמען אָב ביים אַרבייטער מעהרער אַרבייטס צייט און מעהרער האָרעוואַניע און וועלכע קאָסטען דעם אַרבייטס־געבער ביליגער א. ז. וו. און דעריבער אויב די אַרבייטער ווילען, אַז אין דער צייט פון פריעדען זאָל מען פון זיי ניט אָבנעהמען צוריק דאָס, וואָס זי האָבען זיך דערשלאָגען אין דער צייט פון קאַמפף, דאַרף זייער פריעדען זיין אַ „בעוואַפענטער פריעדען". זייערע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען דאַרפען שטענדיג זיין קאַמפפס־פעהיג און קאַמפפס בערייט.

אין פיעלע לענדער האָבען זיך די אַרבייטער דערשלאָגען אַ מינימאַלען לוין־טאַריף אין אַזעלכע אונטערנעהמונגען, וועלכע געהערען צו דער מלוכה און געמיינדען. אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער האַלטען זיך די מלוכה־אונטערנעהמונגען אויף דעם פונדאַמענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, אויף דעם פונדאַמענט פון לוין־אַרבייט און מעהרווערטה. מיט איהרע אונטערנעהמונגען איז די מלוכה ניט אויסען צו געבען אַרבייט די אַרבייטסלאָזע, נאָר די פערדינסט, וואָס זי בעקומט פון די אונטערנעהמונגען. און אַזוי ווי דער מקור פון פערדינסט איז די ניט-בעצאָהלטע האָרעוואַניע פון אַרבייטער, שטרעבט די מלוכה־מאַכט, גלייך ווי פּריוואַט-אונטערנעהמער, דערצו, אַז דיזע האָרעוואַניע זאָל זיין וואָס גרעסער. דאָס גלייכען קען מען זאָגען וועגען די געמיינדע־אונטערנעהמונגען. מיט זיי קומט דעם אַרבייטער אויס צו קעמפפען, ווי מיט פּריוואַטע אונטערנעהמונגען; דער קאַמפף פאַר בעסערע אַרבייטס־בעדינגונגען אין די מלוכה־אונטערנעהמונגען איז דאָס רוב נאָך פיעל שווערער, איידער דער קאַמפף מיט פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטען, ווייל די מלוכה, אָדער ריכטיגער געזאָגט איהר רעגירונג, האָט די מעגליכקייט אָנצוואָווענדען געגען די שטרייקענדע אַזאַ אונגעהייער גרויסע מאַכט, וועלכע עס פערמעגט ניט קיין פּריוואַטער קאַפּיטאַליסט. זי האָט אין איהר רשות אַ גרויסע מיליטער־מאַכט, אַ גרויסען פּאָראַט פון אַרבייטס־קראַפט, אין וועלכע זי קען פערוואַנדלען די סאָלדאַטען, אַ גרויסען און מעכטיגען אַדמיניסטראַטיווען מעכאַניזם. זי רופט צו הילף די בורזשואַזע פּאַרלאַמענטען און

יענע בעשאפען געזעצען, וועלכע פערבאטען די ארבייטער צו מאכען שטרייקען אין פילע אונטערנעהמונגען, וועלכע געהערען צו דער מלוכה. דער קאמפף אין איהרע אונטערנעהמונגען איז דעריבער דאס רוב שווערער, איידער אין פריוואטע.

---

## ג. שטרייקען.

אויב די פראפעסיאנעלע פעראיינען קענען ניט דורכקומען מיט די בעלי־בתים, אויב קיין בוררים קענען אויך ניט דורכמאכען צווישען די ארבייטער און פאבריקאנטען מיט גוטען, פערווארפען די ארבייטער־פעראיינען זייערע פריעדליכע מיטלען. די אונטערהאנדלונגען צווישען ביידע צדדים ווערען אבגעבראכען און עס הויבט זיך אן א מלחמה.

דאס שארפסטע געוועהר אין קאמפף צווישען די ארבייטס־נעהמער און ארבייטסגעבער איז דער שטרייק; דאס איז א צווייזייטיגעס געוועהר, ער איז געפעהרליך ווי פאר די פאבריקאנטען, אזוי אויך פאר די ארבייטער, און די לעצטע ווענדען זיך צו איהם נאר דאן, ווען זיי האבען שוין אויסגעפרובט אלע פריעדליכע מיטלען, ווען זיי האבען זיך איבערצייגט, אז קיין אנדער אויסוועג איז פאר זיי ניטא. ניט ארבייטען הייסט פאר דעם פאבריקאנט ניט האבען קיין מעהרווערטה, ניט פערדינען; ניט ארבייטען הייסט פאר דעם פאבריקאנט האבען היזק, ווייל אין די ווערקשטאטען, אין די ווערקצייג און פראדוקציאנס־מיטלען ליגען אריינגעשלאגען גרויסע קאפיטאלען, וועלכע טראגען אין דער צייט פון ארבייטס־שטילשטאנד קיין פראצענט ניט. ניט ארבייטען הייסט אבער פאר'ן ארבייטער ליידען הונגער און נויט צוזאמען מיט דער פאמיליע. דער ארבייטער איז זיך דעריבער זעהר גוט מישב, איידער ער טרעט ארויס אין אן אפענעם עקאנאמישען קאמפף מיט'ן בעל־הבית, אין א שטרייק.

איידער די ארבייטער פראקלאמירען א שטרייק דארפען זיי וויסען:

1) **אין וואס פאר א צושטאנד עס געפינט זיך דער סחורה־מארק.** א שטרייק קען נאר דאן צווינגען די בעלי־בתים צו ערפילען די פאדערונגען, וואס די ארבייטער־

פערא‌יינען שטעלען איהם ארויס, ווען אויפ'ן מארק איז א גרויסע נאכפראגע אויף סחורה, ווען דער פאבריקאנט איז דעריבער פערוואָרפען מיט ארבייט און נויטיגט זיך זעהר אין זיינע ארבייטער. אויב, פערקעהרט, אויפ'ן סחורה־מארק הערשט א שטילשטאנד, אויב דער פאבריקאנט האָט ווייניג בעשטעלונגען, נויטיגט ער זיך, פערשטעהט זיך, ווייניגער אין זיינע ארבייטער און קלעמט זיך ניט אזוי שטארק דערפון, וואָס די „מענשען" האָבען געוואָרפען די ארבייט.

די יאָהרען 1870—1874 זענען געווען גלענצענד פאר די קויהלען־אינדוסטריע אין ענגלאנד, און די צאָהל פון שטרייקען האָט אין דיזען אינדוסטריע־צווייג אויך אָנגעהויבען צו וואקסען: פון 30 אין יאָהר 1870 איז זי ארויפגעשטיגען ביז 365 אין יאָהר 1874. ענדע 1874 קומט אָן אין דער קויהלען־אינדוסטריע א שטילשטאנד, וועלכער דויערט ביז 1877—78 און די צאָהל שטרייקען פאלט ביז 180. אין יאָהר 1879 פערבעסערט זיך דער צושטאנד אין קויהלען-פראָדוקציאָן, און שטרייקען קומען שוין פאָר אין דיעזען יאָהר 308. אין יאָהר 1884 הערשט ווידער א „געדריקטע שטימונג" אין די קויהלען פראָדוקציאָן, און די צאָהל שטרייקען ווערט קלענער. דאָס זעלבע קען מען אויך בעמערקען אין די לעצטע יאָהרען: פון יאָהר 1897 ביז 1901 געהען אוועק די געשעפטען ביי די קויהלען־פאבריקאנטען זעהר גוט און די צאָהל פון די שטרייקען וואקסען, נאכהער קומט ווידער אָן א קריזיס, וועלכער דויערט נאָך עד היום און וועלכער האָט פערקלענערט די צאָהל שטרייקען אין דיזען אינדוסטריע-צווייג ביז דעם מינימום.

2) ווי גרויס איז דער פאָרראט ביים פאב־ריקאנט. אויב אפילו אויפן סחורה-מארק איז א גרויסע נאכפראגע אויף סחורה, איז נאָך דערפון ניט קיין ראיה, אז דער פאבריקאנט וועט זיין געניטיגט נאָכצוגעבען די ארבייטער. ס'איז מעגליך, אז ער האָט אויף די לאגערען א גרויסען פאָרראט סחורה, וועלכע ער וועט איצט ארויסלאָזען אויפ'ן מארק און וועט קענען אויס־האלטען דעם שטרייק אזוי לאנג, ביז די ארבייטער וועלען אויסגעהונגערט ווערען און וועלען זיין געניטיגט אָנצונעהמען די בעדינגונגען וואָס ער, דער פאבריקאנט, לעגט פאָר.

3) אויף ווי לאַנג קענען סטייען די געלד מיטלען פון פעראיין. אויב אפילו די אויבען דערמאָהנטע פערהעלטניסען זענען גינסטיג פאַר די אַרבייטער, ד. ה. אויב אפילו דער צושטאַנד פון סחורה־מאַרק איז אַ גיטער און דער פאַבריקאַנט האָט אַ קליינעם כחורה־פאָרראַט, איז נאָך אַלץ קיין ראיה ניט, אַז דער פאַבריקאַנט וועט זיך באַלד אונטערגעבען. יענער ווייס גאַנץ גוט, אַז דער אַרבייטס־לוין איז פאַר דעם אַרבייטער דער איינציגער קוואַל פון לעבענסמיטלען און אַז אויב דער אַרבייטער אַרבייט ניט, האָט ער ניט פון וואַנען צו לעבען. דער „ברויטגעבער", דער פאַבריקאַנט, קען זיך דעריבער „אַ שפּיל טהאָן" מיט די אַרבייטער: „זאָלען זיי זיך פריהער גוט אויסהונגערען, וועט פון זיי אַראָפּפאַלען די חוצפּה". די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען דאַרפען דעריבער אויסרעכענען, אויף ווי לאַנג וועט זיי סטייען זייער שטרייק־קאַסע, ווי לאַנג וועלען זיי קענען אונטערשטיצען די שטרייקענדע און זיי ניט לאָזען אויסגעהן פון הונגער.

4) ווי גרויס איז די „רעזערוו־אַרמעע", ד. ה. וויפיעל אַרבייטער געהען אַרום לעדיג. וואָס גרעסער עס איז די צאָהל פון די אַרבייטסלאָזע, אַלץ גרעסער איז אויך די געפאַהר פון שטרייק־ברעכערײַ. דער הונגעריגער אַרבייטער וועט זיך גיכער לאָזען איינרעדען פון בעל־הבית זיך צו שטעלען אַרבייטען אויף דעם אָרט פון די שטרייקענדע. דער דלות איז דער ערגסטער שונא: ער טרייבט צו פערברעכען געגען אייגענע חברים.

נאָר ווי אויסגערעכענט די אַרבייטער זאָלען ניט זיין, איז פאַר זיי דאָך שווער ריכטיג צו זאָגען פאָראויס, וואָס פאַר רעזולטאַטען דער שטרייק וועט האָבען. עס טרעפט זיך ניט זעלטען, אַז דער שאָדען, וואָס דער פאַבריקאַנט האָט דורך דעם שטרייק, איז פיעל גרעסער פון יענעם שאָדען, וואָס ער וואָלט געהאַט, אויב ער וואָלט בעפרידיגען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער, און פון דעסטוועגען וויל ער זיך ניט אונטערגעבען. ער האָט מורא — ווי ער דריקט זיך געוועהנליך אויס — אַז יפצולאָזען זיך דעם אַרבייטער אויפ'ן קאָפּ, ער האָט מורא, אַז דער זיג פון די אַרבייטער וועט זיי צוגעבען מעהר חשק צו פּיהרען מיט איהם אַ קאַמפּף, ער האָט אויך מורא, אַז דער זיג פון אַרבייט וועט פערגרעסערען דעם איינפלוס פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, און ער איז געגרייט

זיך צו לאָזען אָבשנײַדען איין פינגער, נאָר דער אַרבײַטער זאָל פערלירען די גאַנצע האַנד. איידער מען טרעט אַרוס אין אַ שטרײַק, דאַרף מען שטענדיג געדענקען איין כלל: וואָס לענגער עס וועט זיך פערציהען דער שטרײַק, אַלץ קלענער איז די האָפנונג איהם צו געווינען.

גענוי וויסען די אויבענדערמאָנטע בעדינגונגען, גענוי וויסען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס געפינט זיך דער סחורה-מאַרק און דער אַרבײַטס-מאַרק קענען נאָר די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. די בעאַמטע פון די אויסלענדישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, זײַערע סעקרעטאַרען, זענען בעקאַנט מיט אַלע בעדינגונגען פון זײַערע פּראָפעסיעס ניט ווענינער, ווי די קאַפּיטאַליסטען. זיי פער-עפענטליכען גאַנץ אָפט ביולעטענען, בעריכטען, צירקולאַרען א. ז. וו., אין וועלכע זיי מאַכען בעקאַנט אַלע מיטגליעדער מיט דעם צושטאַנד פון דער פּראָפעסיע, מיט פיעלע ערשיינונגען, וואָס לאָזען זיך בעמערקען אין אַרבײַטער-לעבען בכלל און אין לעבען פון דער אייגענער פּראָפעסיע בפרט, זיי קוקען מיט דער גרעסטער אויפ-מערקזאַמקייט אויף אַלץ, וואָס קען האָבען אַ געוויסען איינפלוס אויף די אַרבײַטס-בעדינגונגען און דערלאָזען צו אַ שטרײַק נאָר דאַן, ווען זיי זענען איבערצײַגט, אַז דער איצטיגער מאָמענט איז אַ גינסטיגער. זיי פּראָקלאַמירען דעם קאַמפּף דאַן, ווען דער אַרבײַטס-געבער נויטיגט זיך אין אַרבײַטס-קראַפט, ווען דער אַרבײַטס געבער האָט גרויסע בעשטעלונגען, ווען ער האָט פיעל רויהע מאַטעריאַל, וועלכע קענען פערפוילט ווערען אויב מען וועט זיי ניט פערברויכען אין דער נאָהענטער צוקונפט, ווען דער שטרײַק קען דעריבער ברענגען דעם קאַפּיטאַליסט פיעל מעהר שאָדען איידער די אַרבײַטער. *)

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די שטרײַקען, וועלכע די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פּראָקלאַמירען, ענדיגען זיך עפטער מיט אַ זיעג, איידער יענע שטרײַקען, וועלכע ברעכען אויס אָהן דער איניציאַטיוו פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. אין

*) דער שטרייק פון די האפען-ארבייטער אין מארסעל (אין יאהר 1904) האט נעבראכט שאדען די קאפיטאליסטען אויף אנ'ערך 80 מיליאן רובל. די ארבייטער האבען דערביי פערלארען נאר אנ'ערך 45 טויזענד רובל.

דעם משך פון יאָהר 1880 ביז 1900 האָבען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פון אמעריקע אָרגאַניזירט 14,457 שטרייקען, פון וועלכע 67 פּראָצענט (ד. ה. 67 פון יעדער הונדערט) האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פאָלקאָמען אָדער אַ טהיילווייזען זיעג פאר די אַרבייטער. אין פערלויף פון די זעלבע 20 יאָהר זענען אויך פאָרגעקומען 8,326 שטרייקען, וועלכע האָבען אויסגעבראָכען אָהן דער איניציאַטיוו פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. פון דיזע שטרייקען האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פאָלקאָמען אָדער טהיילווייזען זיעג פאַר די אַרבייטער נאָר 45 פּראָצענט, ד. ה. אַז מעהרער ווי אַ העלפט פון דיזע שטרייקען האָבען די אַרביי־טער פערשפּילט.

מיר דאַרפען נאָך דאָ בעמערקען, אַז אויסער די אויבענ־דערמאָנטע ריין עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וועלכע מען מוז נעהמען אין אַכט אײדער מען פּראָקלאַמירט אַ שטרייק, שפּילען זעהר אַ וויכטיגע ראָלע די פּאָליטישע בעדינגונגען פון לאַנד. עס איז ערשטענס נויטוועדיג, אַז די אַרבייטער זאָלען האָבען דאָס רעכט צו מאַכען שטרייקען. נאָר דאָס איז נאָך וועניג. ענטוויקלען אַ ברייטע פּראָפעסיאָנעלע טהעטיגקייט איז בכלל מעגליך נאָר אין פּאָליטיש פרייע לענדער, אין אַזעלכע לענדער, וואו די אַרבייטער האָבען דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירען ווי אין פּראָפעסיאָנעלע אַזוי אויך אין פּאָליטישע פעראיינען, וואו זיי האָבען פּרעס־פרייהייט און פערזאַמלונגס־פרייהייט. נאָך מעהרער זיינען נויטוועדיג דיזע פרייהייטען אין דער צייט פון שטרייק, ווען די פעראינטערעסירטע אַרבייטער מוזען זיך אָפט פערזאַמלען, אַרומרעדען זייער לאַגע, ערקלעהרען דער גאַנצער אַרבייטער־מאַסע די פאָדערונגען פון די שטרייקענדע, זיך ווענדען מיט אויפרופען אין אַנדערע שטעדט, מען זאָל ניט קומען אויף דעם אָרט פון די שטרייקענדע, מען זאָל צושיקען געלד שטיצע א. ז. וו. דאָס אַלץ איז מעגליך, ווען אויפן מויל העננט ניט קיין שלאָס, ווען מען קען אַרויסרעדען דעם ריינעם אמת ווי וועגען דער געלד־גיעריגקייט פון די קאַפּיטאַליסטען, אַזוי וועגען דער אויפפיהרונג פון דער רעגירונג, ווען מען קען אַרויסרעדען דעם ריינעם אמת, ניט מורא האָבענדיג ניט פאַר'ן צענזאָר, ניט פאַר'ן ריכטער.

פון די שטרייק־פארמען, וועלכע די ארבייטער ווענדען אן, האלטען די אויסלענדישע פראפעסיאנעלע פעראיינען פאר די צוועקמעסיגסטע פארם דעם טהיילוויזען שטרייק. אויב דער פראפעסיאנעלער פעראיין האט איינגעפונען, אז אין זיין פראפעסיע איז די עקספלואטאציע צו גרויס, אז מיט גוטען קען מען ניט דורכמאכען און אז אהן א שטרייק קען מען ניט איינברעכען די עקשנות פון די אונטערנעהמער, פראקלאמירט ער דעם שטרייק ניט אין דער גאנצער פראפעסיע, נאר אין איין ווערקשטאט, אויף איין פאבריק, און נאכהער, אז דער שטרייק ענדיגט זיך דא, הייבט ער איהם אן אויף א צווייטער פאבריק א. ז. וו. אזא שטרייק־פארם האט אין זיך 2 מעלות: ערשטענס קענען די שטרייקענדע ארבייטער לייכטער בעקומען שטיצע, ווייל די איבריגע ארבייטער פון זייער פראפעסיע, וועלכע שטרייקען איצט ניט, האבען די מעגליכקייט אבצוגעבען א טהייל פון זייער פערדינסט די שטרייקענדע. צווייטענס בעריהרט אזא שטרייק ניט אלע אונטערנעהמער מיט אמאל, נאר איינעם פון זיי. די ס'איבריגע אונטערנעהמער, פערקעהרט, זענען מאטעריעל פעראינטערעסירט אין דעם, אז דער שטרייק זאל דויערען לענגער און זאל בעזייטיגען פון סחורה־מארק זייערען א קאנקורענט. דער ווידערשטאנד פון דעם אונטערנעהמער ווערט דורך דעם שוואכער און דער זיעג פון די ארבייטער לייכטער. דורך אזא טהיילוויזען שטרייק האבען די אמעריקאנער ארבייטער זיך דערשלאגען אין איניגע אינדוסטריע צווייגען אנ'8שעה'דיגען ארבייטס־טאג (אין יאהר 1890).

אין דער לעצטער צייט פיהרען די אונטערנעהמער א הארטנעקיגען קאמפף אויך געגען דיזער פארם פון שטרייק. זיי האבען דא אויך געפונען מיטלען ווי צו בעשיצען זייערע אינטערעסען: געגען די ארגאניזירטע און פעראייניגטע ארבייטער שטעלען זיי ארויס זייער אייגענע ארגאניזאציע. אין פיעלע פראפעסיעם גרינדען די אונטערנעהמער פערזיכערונגס־קאסעס געגען שטרייקען. אויב ביי וואסער עס איז פאר אנ'אונטערנעהמער ברעכט אויס א שטרייק, בעקומט ער פון דיזע קאסעס ארויסגעצאהלט דעם שאדען וואס ער האט דורך דעם. דיזע פערזיכערונגס־פרעמיע גיט דעם פאבריקאנט די מעגליכקייט רוהיג אבצוווארטען, ביז

בײַ די אַרבײַטער װעלען װערען אויסגעשעפּט די שטרײַק־מיטלען און זײ װעלען אָנהײבען צו דערפיהלען דעם דלות.

דיזער קאַמפּפס־מיטעל פון די אונטערנעהמער, װי שװער ער מאַכט ניט דעם שטרײַט, איז ער דאָך ניט זעהר געפעהרליך פאַר די אַרבײַטער, — ניט געפעהרליך צוליב דעם, װײל גאַנץ גלײַכגילטיג בלײַבען צום שטרײַק קען דער בעל־הבית פאָרט ניט. דער אונטערנעהמער, בײַ װעמען ס'האָט אויסגעבראָכען אַ שטרײַק, אמת בעקומט טאַקי אַרויסגעצאָהלט פאַר דעם שאָדען, װאָס דער שטרײַק ברײַנגט איהם. אָבער צו איז גאָר מעגליך גענוי אָבצושאַצען דעם שאָדען? עס איז, פערשטעהט זיך, ניט שװער אויסצורעכענען װיפיל פערדינסט דיזער פאַבריקאַנט בעקומט אַ יאָהר און װיפיל פערדינסט ער האָט דעריבער פערלאָרען אין דער צײַט פון שטרײַק; עס איז אָבער פּשוט אונמעגליך אויסצורעכענען װיפיעל שאָדען דער פאַבריקאַנט האָט אין דער צײַט פון שטרײַק דורך דעם, װאָס זײַנע קאָנקורענטען פערכאַפּען דערװײל דעם מאַרק און ערװערבען דאָרטען אַ גרעסערען אײַנפלוס. עס איז גאָר אונמעגליך אויסצורעכענען װיפיעל שאָדען דער פאַבריקאַנט האָט אין דער צײַט פון שטרײַק דורך דעם, װאָס ער האָט ניט געקענט מאַכען צו דער צײַט די בעשטעלונגען, און זײַן פירמע פערליערט צו זיך דעם צוטרוי פון די בעשטעלער.

דאָס אַלץ פערשטעהען די אונטערנעהמער אויך, און כדי אָבצושלאָגען דעם חשק פון די אַרבײַטער זיך צו װענדען צו שטרײַקען, הײבען זײ אָן אין דער לעצטער צײַט צו געברויכען נאָך אַ שאַרפערען און אכזריות'דיגען מיטעל געגען די אַרבײַטער. דיזער מיטעל הײסט „לאָקאַאוט" און בעשטעהט אין דעם, װאָס בעת עס הײבט זיך אָן אַ שטרײַק אין װעלכער ניט איז פאַבריק, פערמאַכען אַלע איבריגע פאַבריקאַנטען פון דערזעלבער פּראָפעסיע זײַערע פאַבריקען. אויס אחדות צו זײַערע חברים — אונטערנעהמער װאַרפען זײ אַרויס אויפ'ן גאַס זײַערע „מענשען" און לאָזען זײ אויסגעהן פון הונגער. זײ שלאָגען דאָ די שטרײַקענדע אַרבײַטער מיט צװײ בײַטשען: פון אײן זײַט נעהמען זײ צו פון די שטרײַקענדע אַרבײַטער די מעגליכקײַט צו בעקומען שטיצע פון זײַערע פאַך־חברים, װעלכע געהען איצט אַלײן אַרום אָהן ברויט, פון דער אַנדערער זײַט פערניכטען זײ די קאָנקורענץ צװישען זיך גופא

און פערשטאַרקען זייער סאָלידאַריטעט, זייער רויבער בונד*).

אויב עס פאָדערט זיך אַ געוויסע פאָרזיכטיגקייט און בערע- כענקייט בנוגע צו אַ טהיילווייזען שטרייק, איז דיזע פאָרזיכטיגקייט נאָך נויטווענדיגער ביים פּראָקלאַמירען אַן'אַלגעמיינעם שטרייק. דאָרטען טרעטען די אונטערנעהמער אַרויס פעראייניגט שוין פון ערשטען מאָמענט אָן, פאַר זיי אַלעמען קומט אָן אַן'עת צרה אין דעם זעלבען מאָמענט און דאָס פערבינדעט זיי פעסטער איינעם מיט'ן אַנדער'ן, זיי טרעטען אַרויס געגען די שטרייקענדע געשלאָסען, פערבונדען מיט דעם זעלבען האַס צום אַרבייטער, מיט דעם שטאַרקען ווילען צו צוברעכען זיין גלויבען אין זיעג. ביי אַן'אַלגע- מיינעם שטרייק, ווידער, זענען נויטיג קאָלאָסאַלע געלד-מיטלען פון ערשטען טאָג אָן, און אויב ביי אַ טהיילווייזען שטרייק קען נאָך זיין אַ ספק אין דעם, צו די איבריגע אונטערנעהמער וועלען אַרויס- טרעטען סאָלידאַריש מיט יענעם, ביי וועלכען דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבען, אויב דאָרטען איז נאָך דאָ אַ האָפנונג אַז די איב- ריגע אונטערנעהמער וועלען ניט פערמאַכען מיט'ן אייגענעם ווילען זייערע פאַבריקען, און די שטרייקענדע אַרבייטער וועלען בעקומען שטיצע פון זייערע חברים, וועלכע האָבען יע אַרבייט, איז ביי אַן'אַלגעמיינעם שטרייק דיזע קוואַל פון שטיצע אינגאַנצען פער- שוואונדען. דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין דאַרף זיך פריהער גוט איבערלעגען, צו איז דער מאָמענט אַ גינסטיגער פאַר אַן'אַלגע- מיינעם שטרייק, צו איז דער פּראָדוקציאָנס-צושטאַנד אַזאַ, אַז ער וועט צווינגען די אונטערנעהמער זיך גיכער אונטערצוגעבען.

אַ שטרייק — זאָגט פ ר י ד ר י ך  ע נ ג ע ל ס — דאָס איז אַ קריעגס-שוהל פאַר דעם אַרבייטער. גלייך ווי אויף אַן'אמת'ן

---

*) אונזער רוסישע בורזשואזיע, וועלכע טאַנצט נאָך די אויסלענדישע בורזשואזיע אין איהר מערדערישער פּאָליטיק בנוגע צו די אַרבייטער, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם נייסטען מיטעל, וואָס יענע האָט איינגעשאַפט אין איהר קאַמפּף געגען שטרייקען. בעת די מאָסקווער דרוק-אַרבייטער האָבען אין אַפּריל 1906 געעפענט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר דעם 8 שעה'דיגען אַרבייטסטאָג און האָבען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען אַ שטרייק, כדי דורכצופיהרען דיזע פאָדערונג, האָבען די בעלי-בתים בעשלאָסען צו ענטפערען מיט אַן'אַלגעמיינעם לאָקאַוט אויב ס'וועט אויסברעכען אַ שטרייק אויף וועלכער ניט איז דרוקעריי פאַר דעם 8 שעה'דיגען אַרבייטסטאָג. דאָס זעלבע האָבען בעשלאָסען די אונטערנעהמער פון איניגע פּראָפעסיעס אין דרום רוסלאַנד.

קריגע, קען מען זיך דאָ אויך ניט בעגעהן אָהן מאַטעמאַטיק.

עס פערשטעהט זיך, אַז דיזע אויסגערעכענטקייט און פאָר־זיכטיגקייט, וועגען וועלכע מיר רעדען דאָ, פּאַסט זיך נאָר בײַ ריין עקאָנאָמישע שטרײַקען און דאָס אויך נאָר דאַן, ווען דורך דיזע שטרײַקען וויל מען זיך דערשלאָגען בעסערע בעדינגונגען ווי פריהער, ווען מען וויל אָנהויבען אַן אַנגריפס־שטרײַק. גאַנץ אַנדערש איז אָבער ווען דער שטרײַק שטעלט זיך אַ פּאָליטישען אָדער מאָראַלען ציעל, ווען מען וויל זיך דורך איהם דערשלאָגען געוויסע פּאָליטישע רעכטען, ווען מען וויל דורך איהם בעשיצען די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, די עקזיסטענץ פון פּראָפעסיאָנעלען פעראיין, די בירגערליכע און פּאָליטישע רעכטען פון די אַרבייטער. גאַנץ אַנדערש איז אויך דאַן, ווען דורך דעם שטרײַק וויל מען זיך בעשיצען געגען דעם אָנפאַל פון די עקספּלואַטאַטאָרס, ווען מען וויל דורך איהם בעשיצען יענע אַרבייטס־בעדינגונגען, וועלכע האָבען ביז איצט עקזיסטירט און וועלכע די אונטערנעהמער ווילען איצט אומבייטען אויף ערגערע. דאַן איז ניט די צייט צו רעדען וועגען פאָרזיכטיגקייט, אויסגערעכענטקייט און נאָך אַזעלכע קלוגע און גוטע מעלות, דאַן איז ניט די צייט צו מאַכען בעלי־בתּישע חשבונות. דאָ האַנדעלט זיך שוין ניט וועגען אַ איבּריגען רובל פערדיענסט, נאָר וועגען דער מענשען־ווערדע פון אַרבייטער, וועגען זיינע רעכטען אַלס מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט, אַלס מיטגליעד פון אַן אָרגאַניזאַציע, — רעכטען, וועלכע יעדער אַרבייטער איז מחויב צו פערטהיידיגען מיט די לעצטע קרעפטען. און אויב אפילו מען זאָל פאַרשפּיעלען דעם שטרײַק, איז אַזאַ פאַרשפּיעלטער שטרײַק גיט דעם אַרבייטער־קלאַס פיעל מעהרער, ווי אַנדערע געוואונענע. דאָ מוז מען וואַגען.

מיר דאַרפען דאָ נאָך זאָגען איינינע ווערטער וועגען די זאָגענאַנטע סאָלידאַריטעט־שטרײַקען, ד. ה. וועגען אַזעלכע שטרײַקען, וואו די אַרבייטער שטעלען ניט אַרויס קיינע פאָדערונגען פון זייער אייגענער טובה וועגען, נאָר וועלכע ווערען אָרגאַניזירט מיט דעם ציעל אונטערצוהאַלטען די חברים. מיר ווילען דאָ ברענגען צוויי ביישפּיעלען פון גרויסע סאָלידאַריטעטס־שטרײַקען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין יאָהר 1903 און וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט דעם זיעג פון די אַרבייטער.

אין יאנואר 1903 האָט די אַמסטערדאַמער טראַנספּאָרט־פירמע פון מעללער און קאָמפּ. איבער געוויסע דעם אָבמאַך מיט די אַרבייטער און האָט פערקלענערט דעם אַרבייטס־לוין. עס האָט אויסגעבראָכען אַ שטרייק. מיללער האָט אָבער געפונען שטרייקבּרעכער און יענע האָבּען אויסגעלאָדען זיינע שיפען. די אויסגעלאָדענע סחורה האָט מען אָבער געדאַרפט שיקען ווייטער מיט׳ן באַהן און די באַהן־אַרבייטער האָבּען זיך ענטזאַגט צו לאָדען מיללער׳ס סחורה אין די וואַגאָנען. די באַהן־אַדמינעסטראַציע איז אָבער געווען אַזוי פריינדליך צו מיללער׳ן, דאָס זי האָט געפאָדערט מען זאָל פערפאַקען מיללער׳ס סחורה אויך, סטראַשענדיג אַז זי וועט אַרויס־טרייבען יענע אַרבייטער, וועלכע וועלען זיך ענטזאַגען צו ערפילען איהר פאָדערונג. די באַהן־אַרבייטער פון אַמסטערדאַם האָבען פּראָקלאַמירט אַ שטרייק און דער באַהן־פערקעהר מיט אַמסטערדאַם איז געוואָרען אָבגעשטעלט. די באַהן־דירעקציע אין אַמסטערדאַם האָט זיך אָבער איינגעשטאַנען אוּן האָט זיך ניט געוואָלט אונטער־געבּען. דאַן האָט דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין פון די באַהן־אַרבייטער פּראָקלאַמירט אַ שטרייק אין גאַנץ האָללאַנד. אין דער פריה האָט דער פעראיין אַרויסגעלאָזען זיין אויפרוף און אין אַ שעה אַרום זענען שוין געשטאַנען די צוגען. דער באַהן־פערקעהר איז אָבגעשטעלט געוואָרען אין גאַנץ האָלאַנד, ווי אויף די קאַזיאָנע אַזוי אויף פּריוואַטע באַהנען. אין אַמסטערדאַם האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע מהומה: עס האָבען אויס סאָלידאַריטעט געוואָלט וואַרפען די אַרבייט די אַרבייטער פון דער וואַסער־לייטונג, שטאָדט בעלייכטונג, טראַמוואַיען און טעלעפאָנען. אין אַ מעת לעת אַרום האָבען די באַהן־אַרבייטער בעקומען אַ ידיעה, אַז זייערע פאָדערונגען זענען בעפריעדיגט און אַז קיינער וועט זיי ניט נויטען צו לאָדען מיללער׳ס סחורה. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זיך מיללער אויך געמוזט אונטערגעבּען.

אין ר ייס (אַ אינדוסטריעלער צענטר אין שפּאַניען) האָט זיך אין יאנואר 1903 אָנגעהויבען אַ שטרייק אויף איינינע פאַבריקען. די אַרבייטער האָבען געפאָדערט אַ 9 שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג. אויס סאָלידאַריטעט זענען צו די שטרייקענדע צוגעשטאַנען די אַרבייטער פון אַנדערע פאַבריקען. און אין איינינע טעג איז אָבגעשטעלט געוואָרען דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע לעבען אין

שטאָדט. עס האָבען אויך אויפגעהערט צו אַרבייטען די פוהרמאַנעס, האַנדעלס־אָנגעשטעלטע, טעלעגראַפיסטען א. ז. וו. און די גאַנצע שטאָדט איז ווי אָבגעשטאָרבען. אויס סימפּאַטיע צו די רייסער אַרבייטער האָט מען אויך געוואָרפען די אַרבייט אין קאַדיקס, וואו ס'איז אויך אָבגעשטעלט געוואָרען דער באַהן־פערקעהר און וואו מען האָט באַלד אָנגעהויבען צו דערפיהלען אַ דוחק אין עסענוואַרג. דער שטרייק האָט אָנגעהויבען צו פערכאַפּען נאָך איינינע שטעדט; צו איהם זענען אויך צוגעשטאַנען די דאָרף־אַרבייטער פון איינינע געגענדען און מען האָט געקענט ערוואַרטען, אַז די שטרייק־בעוועגונג וועט זיך פאַנאַנדערגיסען איבער'ן גאַנצען לאַנד. אין איינינע ערטער איז זי פערלאָפען זעהר שטורמיש מיט גרויסע מאַניפעסטאַציעס מיט בלוטיגע צוזאַמענשטויסונגען מיט דער פּאָליציי און מיליטער. אַ טויטע־שרעק האָט אָנגעכאַפּט די בורזשואַזיע; זי האָט אָנגעהויבען צו לויפען פון די שטעדט, זיך בעהאַלטענדיג אין אַזעלכע ערטער, וואו די שטרייק־כוואַליעס האָבען ניט דערגרייכט. די רעגירונג האָט דערזעהען אַז די גאַנצע בעוועגונג נעהמט אָן אַ „געפעהרליכען כאַראַקטער" און האָט געצוואונגען די רייסער פאַבריקאַנטען צו ערפילען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער און צו פערקירצען דעם אַרבייטס־טאָג ביז 9 שעה (דעם 11 פעברואַר 1903).

אַזעלכע סאָלידאַריטעט־שטרייקען, וועלכע זאָלען אַרומכאַפּען דאָס גאַנצע לאַנד און וועלכע זאָלען אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַן אַלגעמיינעם שטרייק, טרעפען זיך זעהר זעלטען. אַזעלכע שטרייקען ברעכען אויס אַם מעהרסטען סטיכינע דאַן, ווען אין דער אַרבייטער־מאַסע האָט זיך אָנגעקליבען געגוג רעוואָלוציאָנערע ענערגיע. דאָס רוב נעהמען די סאָלידאַריטעט־שטרייקען אַרום נאָר די אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע זענען ענג פערבונדען מיט יענער פּראָפעסיע אָדער מיט יענער אונטערנעהמונג, וואו דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבען, און דאָס רוב ענדיגען זיי זיך מיט אַ נידערלאַגע פאַר די אַרבייטער. דאָס ערקלעהרט זיך מיט צוויי אורזאַכען. ערשטענס, וואָס גרעסער עס ווערט דער שטרייק, אַלץ מעהרער פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען נויטיגען זיך אין געלד־מיטלען, אַלץ אַ קלענערע צאָהל אַרבייטער קען קומען צוהילף די שטרייקענדע. צווייטענס, ברעכט אויס דער שטרייק ניט דאַן,

ווען די אַרבייטער פון דיזער פּראָפעסיע געפינען פאַר צוועק־מעסיג אָנצוהויבען אַ שטרייק, ניט דאַן, ווען די אונטערנעהמער אין דיזער פּראָפעסיע נויטיגען זיך אַם מעהרסטען אין די אַרבייטער. אויב, למשל, די גאַרבער האָבען אָנגעהויבען אַ שטרייק, איינגעפינענדיג, אַז דיזער מאָמענט איז זעהר גינסטיג דערצו, אַז אין דיזען מאָמענט נויטיגען זיך די אונטערנעהמער אין אַרבייטער און וועלען דעריבער מוזען בעפרידיגען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער, איז נאָך דערפון קיין ראיה ניט, אַז אין דעם שוסטערשען פאַך איז דער מאָמענט אויך אַ גינסטיגער און אַז דער שטרייק, וועלכען די שוסטער וועלען מאַכען אויס סאָלידאַריטעט מיט די גאַרבער, וועט האָבען אַ געוויסע ווירקונג אויף די בעלי־בתים פון שוסטערשען פאַך און וועט זיי נייטהען, אַז זיי זאָלען צווינגען די בעלי־בתים פון דעם גאַרבער־פאַך זיך אונטערצוגעבען.

בכלל איז צו בעמערקען אַז דער סאָלידאַריטעט־שטרייק קומט אָפטער פאָר אין אַזעלכע לענדער וואו די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען זענען שוואך, און וואו זייער איינפלוס איז אַ קליינער. אין יענע לענדער, וואו די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָבען ערוואָרבען אַ גרויסען איינפלוס אויף דער אַרבייטער בעוועגונג, ווי למשל אין ענגלאַנד, אַמעריקאַ און דייטשלאַנד בעגעגענט מען נאָר איין פאָרם פון סאָלידאַריטעט־שטרייקען,— שטרייקען, וואָס ברעכען אויס דאַן, ווען די פאַבריקאַנטען נעהמען אויף זיך צו מאַכען די אַרבייט, וועלכע איז בעשטעלט געוואָרען ביי אַן׳אַנדער פאַבריקאַנט, און וועלכע יענער פאַבריקאַנט קען ניט ערפילען, וויל ביי איהם האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטרייק. אין אַזעלכע פאַלען זענען די אַרבייטער פערפליכטעט צו ווייזען אַן ענערגישען ווידערשטאַנד די בעלי־בתים, וועלכע אויס סאָלידאַריטעט צו זייערע חברים־אונטערנעהמער, טרעטען אַרויס געגען די שטרייטענדע אַרבייטער. די סאָלידאַריטעט פון די עקספּלואַטאַטאָרס דאַרף מען בעגעגענען מיט אַ סאָלידאַרען קאַמפף פון די עקספּלואַטירטע.

## ד. באָיקאָט.

אַלס אַ וויכטיגער קאַמפפס־מיטעל געגען די בעלי־בתים דיענט אויך דער באָיקאָט, וועלכער בעשטעהט אין דעם, וואָס אויף אַ געוויסען אונטערנעהמער אָדער אויף זיינע סחורה לעגט די

אַרבײַטער־אָרגאַניזאַציע אַרויף אַ חרם. עס ווערט פערבאָטען צו האָבען וועלכע ניט איז מגע־ומשא מיט אַ געוויסען אונטערנעהמער, אָדער עס ווערט נאָר פערבאָטען צו קויפען די סחורה פון דיזען אונטערנעהמער. אין ערשטען פאַל רופען מיר עס „פּערזענליכער באָיקאָט", ד. ה. אַ חרם אויף דעם אונטערנעהמער גופא; אין צווייטען פאַל ליגט דער חרם נאָר אויף די סחורה און ניט אויף דעם אונטערנעהמער גופא; מיר רופען עס „קאָנסום־באָיקאָט", ד. ה. עס איז פערבאָטען צו געברויכען אַ געוויסען סאָרט סחורה. פערשטעהט זיך, אַז אין ערשטען פאַל איז דער באָיקאָט אַ האַרבערער און ער ווערט אָנגעווענדעט נאָר דאַן, ווען דער אונטערנעהמער בעגעהט אַ שענדליכען טהאַט*).

באָיקאָט איז זעהר אַ פערשפרייטער קאַמפּף־מיטעל; מען האָט זיך אָפטמאָל צו איהם געווענדעט אויך בײַ אַ פּאָליטישען קאַמפּף. די געשיכטע דערצעהלט אונז וועגען אַזאַ באָיקאָט אין מילאַן (איטאַליען). דאָס איז געווען אין יאָהר 1848 אין יענעם יאָהר, ווען איטאַליען האָט געפיהרט איהר בעפרײַאונגס־קאַמפּף פון דעם עסטרײַכישען יאָך. די מילאַנער בירגער האָבען אַרויפגעלעגט אַ באָיקאָט אויף טאַבאַק, ווײַל עסטרײַך האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל־פערקויף אויף טאַבאַק. קיין בירגער האָט ניט געטאָרט רײַכערען, און יעדען, ווער ס'פּלעגט זיך ווײַזען אויפ'ן גאַס מיט אַ סיגאַר אין האַנט, פלעגט מען בעגעגענען מיט שימפּפערײַען און זלזולים.

אין יאָהר 1894 האָבען איינגע ביער־ברויערײַען אין בערלין בעשלאָסען ניט צו בעפרײַען זײַערע אַרבײַטער דעם 1־טען מאַי און צו ענטזאָגען אויף 7 טעג יעדען אַרבײַטער, וועלכער וועט פײַערן דעם 1־טען מאַי. ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטרײַק, און דעם 6־טען מאַי איז בעשלאָסען געוואָרען צו באָיקאָטירען די ביער פון 2 ביער־ברויערײַען. די ס'איבעריגע ביער־ברויערײַען האָבען אויסגעדריקט זײַער סאָלידאַריטעט מיט די באָיקאָטירטע און האָבען אויך ענטזאָגט אַ טהייל פון זײַערע אַר־בײַטער. די בערלינער אַרבײַטער האָבען דאַן בעשלאָסען צו פער־

*) באיקאט קען געברויכט ווערען ניט דוקא געגען אונטערנעהמער, נאר אויך געגען יענע מענשען, וועלכע פערשפרייטען די באיקאטירטע סחורה. פערזענ־ליכער באיקאט ווערט געברויכט געגען יעדען מענשען, וועלכער בעגעהט א שענדליכען טהאט (א מסירה גוואלדטהאט א. ד. ג.).

שפּרײַטען דעם באָיקאָט אויף אַלע ביער־ברויערײַען כל זמן זײַ וועלען ניט צונעהמען צוריק די אַרבײַטער, זײַ בעצאָהלען פאַר די צײַט, וואָס זײַ האָבען ניט געאַרבײַט און אַנערקענען דעם 1־טען מאַי פאַר אַנ׳אַרבײַטער יום־טוב. דער באָיקאָט האָט געדויערט 6—7 חדשים און איז דורכגעפיהרט געוואָרען אויפ׳ן גלענצענדסטען אופן. אין דעצעמבער מאָנאַט האָבען זיך די ביער־ברויערײַען גע־מוזט אונטערגעבען און בעפריעדיגען כמעט אַלע פאָדערונגען פון די אַרבײַטער.

אין פילאַדעלפיע (אַמעריקע) איז אין יאָהר 1905 דורכגעפיהרט געוואָרען אַ פערזענליכער באָיקאָט אויף די „שטאָדט־גבאים, ד. ה. אויף די מיטגליעדער פון דער שטאָדט־פערוואַלטונג. אָנגעהויבען האָט ער זיך צוליעב דעם, וואָס, לויט דעם פאָרשלאַג פון איניגע מיטגליעדער, האָט דער מוניציפּאַל־ראַט בעשלאָסען איבערצוגעבען די שטאָדטיגע גאַז־פאַבריקען און די שטאָדט־בעלײַכטונג אויף פאַכט אַ פריוואַטע קאָמפּאַניע. דערבײַ זענען די שטאָדט־גבאים געווען אַזוי גוט־הערציג צו דער קאָמפּאַניע, אַז יענע האָט געדאַרפט בעקומען יעהרליך אַנ׳ערך 10 מיליאָן דאָלאַר פער־דינסט. דיזער בעשלוס האָט אַרויסגערופען שטורמישע פּראָטעסטען פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען מיטינגען, פּראָטעסט־פערזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט אָפען געשטעמ־פּעלט די מיטגליעדער פון מוניציפּאַליטעט מיט דעם נאָמען שווינדלער, כאַבאַרניקעס און פאָלקס־פערראַטער. אַז די בעפעלקערונג האָט דערזעהען, דאָס איהרע פּראָטעסטען העלפען ניט און דאָס די קאָמפּאַניע קלײַבט זיך שוין אַרײַנצונעהמען אין איהרע הענד די שטאָדט־בעלײַכטונג, האָט זי בעשלאָסען אַרויפצולעגען אַ באָיקאָט אויף די פאָלקס־פערראַטער. די קצבים, בעקער, שנײַדער, שוסטער — אַלע האָבען זיך ענטזאַגט צו האָבען מיט זײַ אַ מגע־ומשא און צו צושטעלען זײַ פּראָדוקטען. דיזעס מיטעל האָט געווירקט, און די שטאָדט־גבאים האָבען זיך אונטערגעגעבען. דער פאָרשלאַג איבער־צוגעבען אַ פּריוואַטער קאָמפּאַניע איז געוואָרען נאָך אַמאָל איבער־געקוקט און איז פערוואָרפען געוואָרען.

פון די גרויסע באָיקאָטען, וואָס זענען אין די לעצטע צײַט דורכגעפיהרט געוואָרען בײַ אונז אין רוסלאַנד, וועלען מיר אָנווײַזען אויף דעם באָיקאָט פון דער צײַטונג „דוואַדצאַטי וויעק‟, וועלכער

האָט זיך אָנגעהויבען צוליעב דעם, וואָס דיזע צייטונג האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען די פאָדערונג פון די דרוק־אַרבייטער ניט צו אַרבייטען זונטאָג און וועלכער האָט זיך נאָך ביז איצט (יוני, 1906) ניט געענדיגט, און אויף דעם פּאָליטישען באָיקאָט, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1905 אין גוריען (קאַווקאַז) און וועלכער האָט זיך אויך נאָך ניט געענדיגט. לויט דעם קולטורעלען צושטאַנד פון איהר בעפעלקערונג פערנעהמט גוריען דעם ערשטען אָרט צווישען די איבריגע געביטען פון מעריב־קאַווקאַז. עס איז דער־ריבער גאַנץ נאַטירליך, וואָס די אָפּאָזיציאָנעלע בעוועגונג, וועלכע האָט פערכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, האָט זיך אין גוריען אויסגעגאָסען אין אַ העכסט רעוואָלוציאָנערע פאָרם. די רעגירונג האָט אָנגענומען געגען די גוריער איהרע געוועהנליכע מיט'ען, האָט אָרגאַניזירט מאַסען־אַרעסטען, האָט אַרויסגעשיקט די „העצער' אין די ווייטסטע געגענדען פון סיביר, האָט פערמאַכט די פאָלקס־ביבליאָטעקען א. ד. גל. אַלס אַנ'ענטפער אויף די רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג, האָבען די גוריער בעשלאָסען צו באָיקאָטירען די רעגירונגס־בעאַמטע און די רעגירונגס־אַנשטאַלטען. דער באָיקאָט איז דורכגעפיהרט געוואָרען זעהר שטרענג. קיינער האָט ניט געוואָלט וויסען פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטען, קיינער האָט מיט זיי קיינע בעציהונגען ניט געהאַט. די בעפעלקערונג האָט אויסגעקליבען איהרע אייגענע ריכטער, האָט ניט געצאָהלט קיין אַקציז אויף די בראַנפען, וועלכע זי פלעגט ברייען, שטייערען האָט זי געצאָהלט איהרע אויסגע־קליבענע קאָמיטעטען, וועלכע זענען געווען די אמת'ע פערוואַלטער פון געגענד...

ס'פערשטעהט זיך, אַז די ווירקונג פון באָיקאָט וועגדט זיך איבערהויפּט אָן דעם איינפלוס פון יענער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פּראָקלאַמירט איהם. נאָר ווי יעדעס שאַרפע געוועהר קען דיזער מיטעל ווערען טעמפּ, ווען מען געברויכט איהם צו אָפט. איבערהויפּט דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג מיט אַ פּערזענליכען באָיקאָט, וועלכער וואַרפט אַרויף אַ פלעק אויף דעם באָיקאָטירטען און וועלכער דאַרף דעריבער אָנגעווענדעט ווערען נאָר ביי אויסערגעוועהנליכע צופאַלען. אַ מיסגעברויך מיט'ן באָיקאָט מאַכט דיזען מיטעל וואָכענדיג, מען הערט אויף זיך סיט איהם צו רעכענען און ער

ברענגט שאָדען דעם מאָראַלען אויטאָריטעט פון יענער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט איהם פּראָקלאַמירט.

---

## ה. פערקלענערען די קאָנקורענץ פון פרויען, קינדער און לעהרנאינגלעך.

די צוטהיילונג פון דער אַרבייט און דאָס געברויכען פון מאַשינען האָט געבראַכט דערצו, דאָס די אַרבייט איז געוואָרען לייכטער און איינפאַכער. יעדער פּראָדוקט, איידער ער ווערט פאַרטיג, געהט דורך צעהנדליגער הענד. יעדער אַרבייטער, דורך וועמעס הענט דער פּראָדוקט געהט דורך, טהוט נאָר אָב אַ טהייל פון דער גאַנצער אַרבייט, גיט איהם איבער דעם צווייטען, יענער דעם דריטען א. ז. וו. ביז דעם לעצטען וועלכער פערענדיגט אין גאַנצען די אַרבייט. די אַרבייט, וועלכע מען האָט פריהער אַ לאַנגע צייט געדאַרפט לערנען, איז איצט געוואָרען אַזוי צוטהיילט און צו=ברעקעלט, אַז יעדעס קליין קינד קען זי ערפילען. מען דאַרף זיך ניט לאַנג לערנען כדי צו קענען אויסנעהען פּעטעלקעס און איינגעהען קנעפּלעך, מען דאַרף ניט האָבען קיין גרויסע קענטניס אין שטעפּען אויף'ן מאַשין. וואָס מעהרער עס ענטוויקלען זיך די אַרבייט=צוטהיילונג און די מאַשינען, אַלץ איבריגער ווערט די ספּעציעלע קענטניס און קראַפט צו דער אַרבייט, אַלץ מעגליכער ווערט צו פערבייטען די מענער דורך פרויען און קינדער.

די פרויען=און=קינדער=אַרבייט איז אַ מעכטיגעס געוועהר אין די הענד פון די קאַפּיטאַליסטען געגען די אַרבייטער. פריהער, ווען דער גאַנצער פערדינער אין פאַמיליע איז געוועזען דער פאַמיליען=פאָטער, האָט מען איהם געמוזט צאָהלען אַזאַ אַרבייטס-לוין, וועלכער זאָל זיין גענוג אויסצוהאַלטען די פאַמיליע. די עקזיסטענץ פון דער פאַמיליע איז געווען אין גאַנצען אָבהענגיג פון דעם פאַמיליען-פאָטערס פערדינסטען און ס'איז געווען אוממעגליך צו געפינען אַן אַרבייטער, וואָס זאָל מרוצה ווערען אויף אַזאַ אַרבייטס לוין, וועלכער זאָל ניט שטייען אויף חיונה פאַר די ווייב און קינדער. איצט, אַז די פרויען און קינדער ווערען אויך אַריינגעצויגען אין די פאַבריקען און ווערקשטאַטען, קען זיך דער פאַמיליען=פאָטער בעגנוגענען מיט אַ קלענערען אַרבייטס=לוין, ווייל די פאַמיליע איז ניט

אין גאַנצען אָנגעוויזען אויף זײַנע פּערדינסטען. מען קען דעריבּער אַראָבּזעצען דעם אַרבּײַטס־לוין פון די מענער אין יענע אַרבּײַטס־צווייַגען, וואו עס עקזיסטירט נאָר מענער־אַרבּײַט. אין יענע אַרבּײַטס־צווייַגען, וואו מען נוטיגט זיך ניט דוקא אין מענער איז די פרויען־און קינדער־אַרבּײַט אַנ'אמת'ער גליק פאַר'ן קאַפּיטאַליסט. פרויען און קינדער איז דעם אונטערנעהמער לײַכטער צו דריקען, ווי מענער, ווייל צווישען זיי איז די קאָנקורענץ פיעל גרעסער. אַרייַנטרעטענדיג אין די רייהען פון די אַרבּײַטענדע, מאַכען די פרויען און קינדער אונגעהייער גרויס דעם אָנבּאָט פון אַרבּײַט און פערערגערען די אַרבּײַטס־בּעדינגונגען.

קעמפפען אָבּער געגען פרויען־אַרבּײַט, פאָדערען מען זאָל זיי ניט דערלאָזען צו דער אַרבּײַט וואָלט געווען אויך אַזוי אוננוצליך און אונזיניג, ווי פאָדערען, למשל, מען זאָל ניט אָנווענדען צו דער אַרבּײַט קיין מאַשינעס, ווייל זיי שטופּען אַרויס די אַרבּײַטער. געגען דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן, געגען דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג קען מען ניט געהן, און וויפיעל אַרבּײַטער־אויפשטאַנדען זענען ניט פאָרגעקומען בּיי דער איינפיהרונג פון מאַשינען, ווי בּלוטיג די אַרבּײַטער האָבּען ניט געקעמפפט געגען די טעכנישע אויסבּעסערונגען אין דער פּראָדוקציאָן, האָבּען זיי ניט געקענט אָבּשטעלען די ווייטערדיגע פערוועגדונג פון מאַשינען. דאָס גלייַכען איז מיט דער פרויען־אַרבּײַט. ניט די פרויען־אַרבּײַט איז שולדיג אין דעם אַרבּײַטסלאָזיגקייט, נאָר יענע בּעדינגונגען, צוליעב וועלכע די פרויען־אַרבּײַט קאָנקורירט מיט דער אַרבּײַט פון מאַנסלייט.

וואָס אַנבּעלאַנגט קינדער־אַרבּײַט, דאַרפען די פּראָפעסיאָנעלע פעראייַנען קעמפפען געגען דעם אונבּעגרענצטען אַפּעטיט פון קאַפּיטאַל, וועלכער זייגט אויס פון די יונגע קינדער, פון „די שוואַכע צווישען די „שוואַכסטע", זייער מאַרך און בּלוט און מאַכט זיי פאַר קאַליקעס ווי קערפּערליך אַזוי גייסטליך. די אַרבּײַטער דאַרפען דעריבּער פאָדערען, אַז די קינדער זאָלען בּיז אַ געוויסען עלטער (למשל בּיז 16 יאָהר) ערצויגען ווערען אויף דעם חשבּון פון דער מלוכה, וועלכע איז מחויב זיי אויסצוהאַלטען און געבּען בּילדונג, און כל זמן דיזע פאָדערונג איז ניט ערפיעלט, דאַרפען די פּראָפעסיאָנעלע פעראייַנען קעמפפען דערפאַר, אַז צו דער

ארבייט זאלען בכלל ניט צוגעלאזען ווערען קיין קינדער איינגער פון 16 יאהר און אז דער ארבייטס-טאג פון די 16 יאהריגע קינדער זאל אויך דויערען ווענינער, ווי ביי ערוואקסענע ארבייטער און זאל פערנעהמען ניט מעהר פון 6 שעה א טאג. אויב אבער די פאדערונג מען זאל פערניכטען קינדער-ארבייט און בעגרענצען דעם ארבייטס-טאג פון די אונערוואקסענע איז זעהר א ריכטיגע, איז פערקעהרט, די פאדערונג, מען זאהל בעגרענצען די צאהל פון די לעהרנאינגלעך, — א פאדערונג, וועלכע איינינע פראפעסיאנעלע פעראיינען אין אויסלאנד שטעלען ארויס, — א רעאקציאנערע און שעדליכע פאר דעם ארבייטער-קלאס. בעגרענצען די צאהל פון די אונערוואקסענע ארבייטער, פערמאכען פאר זיי די טיהרען פון די פאבריקען און ווערקשטאטען וואלט הייסען זיי שטירצען אין אבגרונד פון ארמוט און עלענד, זיי צווינגען זיך צו פערנעהמען מיט בעטלען און גנבות, זיי טרייבען אין די געפענגניסען און ארבייטס-הייזער.

די אויפגאבע פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען בנוגע צו דער פרויען- און קינדער-ארבייט איז: העלפען די פרויען שטרייטען געגען דער אונבארמהערציגער עקספלואטציע, ארייננציהענדיג זיי אין די רייהען פון קעמפפענדען פראלעטאריאט, און בעגרענצען די עקספלואטאציע פון קינדערארבייט, ניט דערלאזענדיג דעם קאפיטאליסט זיך בעגעהן מיט די יונגע קינדער, ווי מיט שווייגענדיגע און אונטערטעהניגע שקלאפען. אין דעריין זענען די ארבייטער פעראינטערעסירט ניט נאר אלס לוין-ארבייטער, וועלכע, פערקלענערענדיג די עקספלואטאציע פון פרויען און קינדער, בעגרענצען אויף א געוויסען גראד דורך דעם די קאנקורענץ פון דיזע ארבייטער-שיכטען; זיי זענען אין דעריין נאך פעראינטערעסירט אלס מיטגליעדער פון א געוויסען קלאס, וועלכער קעמפפט געגען דער גאנצער סיסטעם פון לוין-ארבייט און וועלכער דארף בעשאפען א נייע געזעלשאפטליכע ארדנונג, וואו עס וועלען ניט עקזיסטירען קיין עקספלואטאטארס און עקספלואטירטע. אלס מיטגליעדער פון דיזען קלאס, זענען די ארבייטער פעראינטערעסירט אין דעם, אז זיינע רייהען זאלען צוזאמענגעשטעלט ווערען ניט פון גייסטליך און קערפערליך צובראכענע, נאר פון געזונדטע, פעהיגע, מוטהיגע און דרייסטע מיטגליעדער, וועלכע זאלען פערשטעהן זייער ציעל

אוּן זָאלֶען זַיין פֶעהִיג צוּ שטרֶעבֶּען צוּ דִיזֶען צִיעֶל אוּן אִיהם צוּ דֶערגרַייכֶען.

## ו. פֶערְקְלֶענֶערֶען דִי צָאהְל פוּן דִי אַרְבֵּייטְסְלָאזֶע.

מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיבֶּען דֶערוִויזֶען, אַז אִין דֶער אִיצטִיגֶער גֶעזֶעלשאַפט, וואוּ עֶס עֶקזִיסטִירט פּרִיוואַט־אֵייגֶענטהוּם אוֹיף דִי פּראָדוּקציאָנסמִיטלֶען אוּן ווערקצַייג, מוּז אוֹיך עֶקזִיסטִירֶען אַ אִינדוּסטרִיעֶלֶע רֶעזֶערוו־אַרמֶעע, ד. ה. אַ גאַנצֶע מאַסֶע אַרבֵּייטסלָאזֶע, וועֶלכֶע דָא פֶערקלֶענֶערט זִיךְ, דָא וואַקסט זִי ווִידֶער אוֹיס, אָבֶּער וועֶלכֶע ווערט קֵיינמָאל אִין גאַנצֶען נִיט אוֹיסגֶעשֶעפּט. דִי רֶעזֶערוו־אַרמֶעע אִיז נאָר אַ רֶעזוּלטאַט פוּן דֶער קאַפִּיטאַלִיסטִישֶער אָרדנוּנג אוּן ווֶעט דֶערִיבֶּער נִיט פֶערנִיכטֶעט ווערֶען, כל זמן דִיזֶע אָרדנוּנג ווֶעט עֶקזִיסטִירֶען. דִי רֶעזֶערוו־אַרמֶעע הֶענגט אוֹיף דֶעם אַרבֵּייטֶערס האַלדז, ווִי אַ שווערֶער יאָךְ. זִי שטֶערט אִיהם אוֹיף יֶעדֶען שרִיט אוּן טרִיט, זִי מאַכט שווערֶער זַיין קאַמפּף מִיט דִי אוּנטֶערנֶעהמֶער, זִי לָאזט אַרוֹיס שטרֵייקבּרֶעכֶער אוּן פֶעררֶעטֶער, זִי בִּילדֶעט אַ שטֶענדִיגֶען קאָנטִינגֶענט פוּן קאָנקוּרֶענטֶען.

דִי פּראָפֶעסִיאָנֶעלֶע פֶערֵאיינֶען ווענדֶען אָן אַלֶע קרֶעפטֶען, אוּם צוּ פֶערקלֶענֶערֶען דִי צָאהל פוּן דִי אַרבֵּייטסלָאזֶע. דִי פּראָפֶעסִיאָנֶעלֶע פֶערֵאיינֶען פוּן דִי בּוֹימוואָהל־שפִּינֶערַייעֶן אִין עֶנגלאַנד פֶעראָרדֶענֶען, למשל, זֵייעֶרֶע מִיטגלִיעֶדֶער, זֵיי זָאלֶען אַרבֵּייטֶען נאָר אֵיינִיגֶע טֶעג אִין וואָךְ, כדי ס'זָאל בּלַייבֶּען אַרבֵּייט פאַר אַנדֶערֶע אוֹיךְ. אַנדֶערֶע פֶערֵאיינֶען פֶערלאַנגֶען, אַז, זֵייעֶרֶע מִיטגלִיעֶדֶער זָאלֶען אַרבֵּייטֶען נאָךְ דֶער רֵייהֶע, כדי ס'זָאלֶען הָאבֶּען אַרבֵּייט אַלֶע מִיטגלִיעֶדֶער פוּן פֶערֵאיין. אַנדֶערֶע, ווִידֶער, פֶעראָרדֶענֶען, אַז זֵייעֶרֶע מִיטגלִיעֶדֶער זָאלֶען אוֹיסאַרבֵּייטֶען נִיט מֶעהרֶער פוּן אַ גֶעווִיסֶע צָאהל פּראָדוּקטֶען. ס'זֶענֶען דָא פּראָפֶעסִיאָנֶעלֶע פֶערֵאיינֶען, וועֶלכֶע פֶאָדֶערֶען פוּן דִי פאַבּרִיקאַנטֶען זֵיי זָאלֶען אִין גאַנצֶען פֶערמאַכֶען דִי פאַבּרִיקֶען אוֹיף אַ קוּרצֶע צַייט. דָאס קוּמט פאָר דאַן, ווֶען דִי פּראָפֶעסִיאָנֶעלֶע פֶערֵאיינֶען בֶּעמֶערקֶען, אַז דִי לאַגֶערן פוּן דִי פאַבּרִיקאַנטֶען זֶענֶען פֶערוואָרפֶען מִיט סחורה אוּן אַז דִי פאַבּרִיקאַנטֶען הָאבֶּען בּדֶעה צוּ עֶנטזָאגֶען אַ טהֵייל אַרבֵּייטֶער.

עֶס מִיעֶפט אַמָאל, אַז פוּן דֶער אַרבֵּייטסלָאזִיגקַייט לַיידֶען

די אַרבײַטער נאָר פון אַ געוויסען געגענד און אַז אין אַנדערע געגענדען איז דער צושטאַנד פון אַרבײַטסמאַרק ניט קײַן שלעכטער. כדי צו רעגולירען, ווי ווײַט ס׳איז מעגליך בײַ די איצטיגע בעדינגונגען, דעם אַרבײַטסמאַרק, גרינדען די פּראָפעסיאָנעלע פערײנען אויסקונפטס ביוראָען, וועלכע קלײַבען צונויף און פּובליקירען ידיעות וועגען דעם אָנבאָט און נאָכפראַגע אויף אַרבײַט פון זײַערע פּראָפעסיעס אין פערשיעדנע געגענדען. פיעלע פּראָפעסיאָנעלע פערײנען גיבען דערבײַ אַרויס זײַערע אַרבײַטסלאָזע מיטגליעדער רײַזע־געלד אויף אָבצופאָהרען אין יענע שטעדט אָדער געגענדען, וואו מען נויטיגט זיך איצט אין אַרבײַטסקראַפט. אַזאַ אונטערשטיצונג קען אויף אַגעוויסען גראַד פערקלענערען די צאָהל פון די אַרבײַטסלאָזע.

## ז. פערשיעדענע אַרטען שטיצע.

צווישען די פערשיעדענע אַרטען מאַטעריעלע שטיצע, וואָס די פּראָפעסיאָנעלע פערײנען פון אויסלאַנד גיבען זײַערע מיטגליעדער, פערנעהמט דעם העכסטען אָרט די שטיצע, וועלכע זײ גיבען די אַרבײַטסלאָזע. אין יאָהר 1904 האָבען די פּראָפעסיאָנעלע פערײנען פון ענגלאַנד אַלײן אויסגעגעבען פאַר אַרבײַטסלאָזע 7,274,293 מאַרק,*) צו זאַמען מיט די רײַזע־געלד, וואָס זײ האָבען אַרויסגעגעבען די אַרבײַטסלאָזע מיטגליעדער (58.758 מאַרק), בעטרעפט דאָס העכער 8 מיליאָן מאַרק! קײַן וואונדער איז דאָס, פערשטעהט זיך, ניט. די אַרבײטסלאָזיגקײַט איז אײנע פון די גרעסטע שלעק פאַר׳ן אַרבײַטער און ער קעמפפט געגען איהר מיט אַלע זײַנע קרעפטען. די פּראָפעסיאָנעלע פערײנען וואָלטען אָבער ניט געווען אים שטאַנד צו ערפיעלען זײער הויפט־אויפגאַבע אַלס קאַמפפס־אָרגאַניזאַציעס פון אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט, אויב זײ וואָלטען זיך אָבגעגעבען נאָר מיט פילאַנטראָפּיע און צדקה־זאַכען. דעם ים קען מען ניט פערשטעלען מיט אַ שפּענדעל, און וויפיעל מיליאָנען מען זאָל ניט אויסגעבען פאַר די אַרבײַטסלאָזע מיטגליעדער, וועט זיך שטענדיג געפינען אַ׳ אַרבײַטסלאָזע אַרמעע, וועלכע דער אַרבײַטער איז ניט אים שטאַנד אויסצוהאַלטען און אונטערשטיצען מיט די אײגענע קרעפטען. די פּראָפעסיאָנעלע

*) אַ מאַרק איז אַ׳ ערך 46 קאָפּ.

פעראײנען דארפען אָנװענדען זײער גאַנצע אױפמערקזאַמקײט אױף יענע אורזאַכען, װעלכע רופען אַרױס די אַרבײטסלאָזיגקײט און װי װײט ס'איז מעגליך אָבשװאַכען זײער אײנפלוס. די פערקירצונג פון אַרבײטס־טאָג, די בעגרענצונג פון פרױען־און קינדער־עקספלואַטאַציע װעלען האָבען אַ גרעסערע װירקונג אױף די פערקלענערונג פון דער רעזערװ־אַרמײע, אײדער די מאַטע־ריעלע שטיצע פון פראָפעסיאָנעלע פעראײנען.

נאָר אױב אין גאַנצען זיך אָבגעבען מיט דער טהעטיגקײט פון געגענזײטיגע הילף איז פאַר די פראָפעסיאָנעלע פעראײנען געפעהרליך, איז אָבער פאַר ז. י. אױך אונמעגליך אין גאַנצען זיך אָבזאָגען צו שטיצען אַזעלכע אַרבײטסלאָזע, װעלכע האָבען געליטען צוליעב זײערע איבערצײגונגען, צוליעב זײער אַנגעהעריגקײט צו אַנ'אַרבײטער אָרגאַניזאַציע, צוליעב אַ שטרײק א. ד. גל. נאָר דיזע הילף דאַרף זײן בעגרענצט; זי דאַרף ניט פאָרקומען אױפ'ן חשבון פון די קאַמפפס־אױסגאַבען. אין די סטאַטוטען פון די פראָפעסי־אָנעלע פעראײנען דאַרף קלאָר זײן אױסגעטײטשט, אַז אױף דעם צװעק פון געגענזײטיגער הילף פאַר אַרבײטסלאָזע קען פערברױכט װערען נאָר אַ געװיסער פראָצענט פון די הכנסות.

פיעלע פראָפעסיאָנעלע פעראײנען אין אױסלאַנד פערנעהמען זיך נאָך מיט געגענזײטיגער הילף אין דער צײט פון קראַנקהײט און אַרבײטס אונפעהיגקײט, זי גיבען געװיסע שטיצע די אַלמנות און יתומים פון דעם פערשטאָרבענעם מיטגליעד, העלפען אױס אין אַנ'אונגליקספאַל, זײ בילדען, מיט אײן װאָרט, אַ מין פערזיכערונגס קאַסע אױף אַנ'עת צרה. דיזע טהעטיגקײט פון די פראָפעסיאָנעלע פעראײנען, װעלכע האָט קײן שום שײכות ניט מיט זײערע דירעקטע אױפגאַבען, מאַכט פיעל שװערער פאַר די אַרבײטער אָרגאַניזאַציעס צו ערפילען זײערע קאַמפפס־אױפגאַבען, מאַכט פיעל שװערער אַפילו דאַן, װען די אױבענדערמאָנטע שטיצע װערט אַרױסגעגעבען ניט אױף דעם חשבון פון די קאַמפפס־מיטלען פון פעראײן, אַפילו דאַן, װען דער שטרײק־פאָנד בלײבט אונבערירט, און אָט פאַר װאָס.

דער אײנפלוס פון די פראָפעסיאָנעלע פעראײנען אױף די אַרבײטס־בעדינגונגען װערט זיך זעהר פיעל פון דער צאָהל אַרבײטער, װעלכע זײ ציהען אַרײן אין זײער אָרגאַניזאַציע. װאָס

גרעסער ס׳איז די צאָהל פּראָפּעסיאָנעל=אָרגאַניזירטע אַרבּייטער אין אַ געוויסער פּראָפּעסיע, אַלץ גרעסער איז די ווירקונג פון פעראיין אויף די גאַנצע מאַסע אַרבּייטער פון דיזער פּראָפּעסיע, אַלץ גרעסער איז דער דרוק פון פעראיין אויף די אונטערנעהמער, אַלץ לייכטער איז זיך צו דערשלאָגען „בּעסערע אַרבּייטס=בּעדינגונגען. די פאָדערונגען, וועלכע דער פּראָפּעסיאָנעלער פעראיין שטעלט די מיטגליעדער, דאַרפען זיין מינימאַלע, איבּערהויפּט בּנוגע צו די צאָהלונגען. אויבּ די פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען וועלען זיך שטעלען אַזעלכע אויפגאַבּען, ווי געגענזייטיגע הילף אים פאַל פון קראַנקהייט, אַרבּייטסאונפעהיגקייט א. ד. גל. וועלען די צאָהלונגען מוזען זיין גענוג גרויסע, אום מען זאָל קענען ערפילען דיזע אויפגאַבּען און אום עס זאָל דערבּיי ניט ליידען דער שטרייק=פאָנד. אין די פעראיינען וועלען דעריבּער קענען אַריינטרעטען נאָר יענע אַרבּייטער פון דער פּראָפּעסיע, וועלכע בּעקומען אַ היבּשע געהאַלט, ד. ה. די מעהר קונסטלערע אַרבּייטער, די אַריסטאָקראַטיע פון דער פּראָפּעסיע; יענער טהייל אַרבּייטער, וועלכע ליידען מעהרער פון דעם אונטערנעהמערס ווילקיר, וועלכע ס׳איז לייכטער צו פערבּייטען מיט אַנדערע, וועלכע פיהלען זיך דעריבּער מעהרער הילפלאָז אין זייער קאַמפּף מיט די בּעלי=בּתים, — יענע אַרבּייטער וועלען מוזען בּלייבּען אויסערן פעראיין.

ס׳וואָלט אויך געווען פעהלערהאַפט און אונצוועקמעסיג, ווען דער פּראָפּעסיאָנעלער פעראיין וואָלט גענומען אויף זיך די אויפגאַבּע פון געגענזייטיגער הילף נאָר פאַר יענע מיטגליעדער, וועלכע טראָגען אַריין אין פעראיינס=קאַסע אַ ספּעציעלע צאָהלונג אויף דיזען צוועק, ד. ה. ווען פאַר איין טהייל מיטגליעדער וואָלט דער פּראָפּעסיאָנעלער פעראיין געווען נאָר אַ קאַמפּפס=פעראיין, פאַר דעם אַנדערען טהייל — אויך אַ קאַסע פאַר געגענ=זייטיגע הילף. שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם, וואָס אַזאַ אַלזייטיגע טהעטיגקייט וואָלט געפיהרט צו פערשיעדענע רייבּונגען צווישען די „העכערע" און „נידעריגערע" מיטגליעדער פון פעראיין, וואָלטען דיזע זייטיגע אויפגאַבּען אויף אַ היבּשען גראַד אָבּגעשאַפּט די הויפּט=אויפגאַבּע, די קאַמפּפס=אויפגאַבּע. עס וואָלט אויס=געקומען צו צופּאַסען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, דעם פּערסאָנאַל,

די אייגענשאפטען פון די פעראיינס־בעאמטע ניט נאר צו די דירעקטע, נאר אויך צו די זייטיגע און צופעליגע ציעלען פון פעראיין. די אויפגאבען פון געגענזייטיגער הילף וואלטען געמוזט אבציהען די קרעפטען פון די קאמפפס־אויפגאבען און דער מאטיוו אליין וואלט געווען דער באדען פאר א שטענדיגע און ריכטיגע אונצופרידענהייט פון יענע מיטגלידער, וועלכע צאהלען וועניגער און פאר וועלכע די קאמפפס־אויפגאבען זענען דער עיקר אין פעראיין.

די אונטערשטיצונגס־אויפגאבען קענען, אלזא, ווירקען שעדליך אויף די טהעטיגקייט פון פעראיין אפילו דאן, ווען זיי ווערען ערפילט ניט אויף דעם חשבון פון די קאמפפס־אויפגאבען. פיעל שעדליכער זענען זיי, ווען די פעראיינען שטעלען זיי ארויס, אלס זייערע דירעקטע אויפגאבען, גלייך מיט אלע אנדערע אויפגאבען פון פעראיין. דער פראפעסיאנעלער פעראיין, ארייני ציהענדיג זיך אין די אונטערשטיצונגס־טהעטיגקייט, קען ביסלעכווייז פערלירען זיין קאמפפס־כאראקטער. עס געפינען זיך ארבייטער, וועלכע טרעטען אריין אין פעראיין הייל צוליעב דער אונטערשטיצונג און זוכען צו פערשלעפען דעם פעראיין אין דעם זומפ פון פערזיכערונגס־און צדקה אנשטאלטען.

---

## ח. ווירקען אויף די געזעצגעבונג.

אויסער דעם דירעקטען עקאנאמישען קאמפף מיט די אונטערנעהמער, פיהרען נאך די פראפעסיאנעלע פעראיינען א קאמפף מיט די פערטרעטער פון דער בורזשואזיע אין די פארלאמענטען און פאדערען ס'זאלען ארויסגעגעבען ווערען געזעצען, וואס זאלען בעגרענצען די עקספלואטאציע פון די ארבייטער, זאלען בעשטימען נארמאלע ארבייטס־בעדינגונגען, זאלען פערזיכערען דעם ארבייטער מיט א שטיקעל ברויט אין דער צייט, ווען ער האט ניט די מעגליכקייט צו פערדינען צוליעב אלטקייט, צוליעב אנ'אונגליקס־צופאל און ד. גל. די פראפעסיאנעלע פעראיינען ווייסען גאנץ גוט, אז כל זמן זייערע עראבערונגען ניט פערפעסטיגט דורך א געזעץ, איז זייער זיעג ניט קיין זיכערער. ווי א בלוטיגער שונא ליגט דער קאפיטאליסט אויף זיינע ארבייטער,

עֶר לויעֶרט נאָך זײ און אִין אֵיין גינסטִיגעֶן מאָמעֶנט פאָדעֶרט עֶר זײ אַרויס אויף אַ קאַמפף. נִיט אַלעֶ מאָל זעֶנעֶן די פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ פעֶראֵיינעֶן אִים שטאַנד אָבצושלאָגעֶן דעֶם אָנפאַל פון די אונ־טעֶרנעֶהמעֶר. אִין דעֶר צייט פון אַרבײטס־לאָזִיגקײַט האָבעֶן די אַרבײטעֶר נִיט קײַן מעֶגלִיכקײַט אָנצונעֶהמעֶן די אַרויספאָדעֶרונג אויף אַ קאַמפף אִין די בעלי־בּתים קעֶנעֶן דאַן אָבנעֶהמעֶן פון די אַרבײטעֶר דאָס, וואָס יעֶנעֶ האָבעֶן נאָך אַ לאַנגעֶן שטרײַט עֶראָבעֶרט.

די פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ פעֶראֵיינעֶן פאָדעֶרעֶן דעֶריבּעֶר, אַז לטובת די אַרבײטעֶר זאָל זִיך אִין די בּעֶצִיהונגעֶן צווִישעֶן אַרבײט און קאַפּיטאַל אַרײַנמִישעֶן די געֶזעֶצגעֶבונג, ווִירקעֶן אויף די געֶזעֶצגעֶבונג, צווִינגעֶן דעֶם פּאַרלאַמעֶנט אַרויסצוגעֶבעֶן אַזעֶלכעֶ געֶזעֶצעֶן, וואָס זאָלעֶן פעֶרהִיטעֶן דעֶם אַרבײטעֶרס געֶזונד און לעֶבעֶן — דאָס פעֶרנעֶהמט אַ ווִיכטִיגעֶן אָרט אִין דעֶר טהעֶטִיגקײַט פון די פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ פעֶראֵיינעֶן אִין אויסלאַנד.

צווִישעֶן די געֶזעֶצעֶן, וועֶלכעֶ די פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ פעֶראֵיינעֶן פאָדעֶרעֶן פון די פּאַרלאַמעֶנטעֶן, פעֶרנעֶהמט דעֶם עֶרשטעֶן אָרט דאָס געֶזעֶץ וועֶגעֶן אַ נאָרמאַלעֶן אַרבײטסטאָג. מִיר האָבעֶן שוין אויבעֶן אויפגעֶווִיזעֶן, ווִי שעֶדלִיך עֶס אִיז דעֶר לאַנגעֶר אַרבײטס־טאָג פאַר דעֶם אַרבײטעֶר, וואָס פאַר אַ שלעֶכטעֶ ווִירקונג עֶר האָט אויף זײַן געֶזונד און גײסטִיגעֶן צושטאַנד. אָהן דעֶר הִילף פון דעֶר געֶזעֶצגעֶבונג אִיז פאַר די פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ פעֶראֵיינעֶן אָפּטמאָל זעֶהר שוועֶר דורכצופִיהרעֶן אַ נאָרמאַלעֶן אַרבײטסטאָג, אִיבּעֶרהויפּט אִין אַזעֶלכעֶ פּראָפעֶסיעֶס, וואו ס'אִיז אַיינגעֶפִיהרט שטִיק־אָדעֶר צִיעֶל־אַרבײט, און וואו דעֶר אַרבײטעֶר, זִיך יאָגעֶנדִיג נאָך פעֶרדִינסט, ווִיל אַלײן אַרבײטעֶן וואָס לעֶנגעֶר. אִין אַזעֶלכעֶ פּראָפעֶסיעֶס קומט אויס דאָס רוב צו קעֶמפפעֶן נִיט נאָר געֶגעֶן דעֶם גרויסעֶן אַפּעֶטִיט פון די אונטעֶרנעֶהמעֶר, נאָר אויך געֶגעֶן די אונבּעֶוואוסטזִינִיגעֶ אַרבײטעֶר נופא, וועֶלכעֶ טרעֶטעֶן אַרויס געֶגעֶן דעֶר בּעֶגרעֶנצונג פון אַרבײטסטאָג אִין זײעֶר פּראָפעֶסיעֶ.

אויסעֶר דעֶר געֶזעֶצלִיכעֶר בּעֶשִׁיטצונג פון פרויעֶן־און קִינדעֶר־אַרבײט, אויסעֶר דעֶם אויפזִיכט אויף די הִיגִיעֶנִישעֶ און סאַנִיטאַרעֶ בּעֶדִינגונגעֶן פון דעֶר אַרבײט, פאָדעֶרעֶן נאָך די פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ פעֶראֵיינעֶן די מלוכה־פעֶרזִיכעֶרונג פון אונגלִיקס־צופאַלעֶן, וואָס

טרעפען זיך בעת דער אַרבייט, פון אַרבייטס-אונפעהיגקייט צוליעב אַלטקייט אין קראַנקהייט, — מלוכה-פערזיכערונג, וועלכע זאָל פאַרקומען ניט אויף דעם חשבון פון די אַרבייטער און ניט אויף דעם חשבון פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויף דעם חשבון פון די אונטערנעהמער.

אין דעם קאַפּיטעל „בעסערע אַרבייטסבעדינגונגען" האָבען מיר געבראַכט איינינגע ציפערן, וועלכע דערווייזען וויפיעל מענשליכע קרבנות דער פּראָלעטאַריאַט ברענגט יעהרליך אויף דעם מזבח פון קאַפּיטאַל, וויפיעל אַרבייטער געהן אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט און ווערען איינביגע קאַליקעס פון אונגליקס-צופאַלען. אַם מעהרסטען זענען אין די אונגליקס-צופאַלען שולדיג די אונטערנעהמער. זיי ווילען זיך ניט שיירען מיט די עטליכע רובל, וואָס עס דאַרפען קאָסטען די שוץ-מיטלען, זיי פערגינען זיך ניט אָנצונעהמען די נייטיגע פאָרזיכטס-מיטלען, ווייל דיזע מיטלען קאָסטען געלד. אין אַזעלכע פאַלען בעגעהען די אונטערנעהמער אַ קרימינאַלען פערברעכען און איסער דעם, וואָס זיי דאַרפען בעשטראָפט ווערען, ווי קרימינאַל-פערברעכער, דאַרפען זיי אַרויסצאָהלען דעם פערונגליקטען אַרבייטער אָדער זיין פאַמיליע פאַר דעם מאַטעריעלען שאָדען, וואָס זיי האָבען געהאַט צוליעב דער זאָרגלאָזיגקייט איבער דעם אַרבייטערס געזונד און לעבען.

אָבער ניט אַלע מאָל זענען אין אונגליקס-צופאַלען דירעקט שולדיג די אונטערנעהמער, ניט אַלע מאָל קומען פאָר דיזע צופאַלען צוליעב דער נאַכלעסיגקייט אין זאָרגלאָזיגקייט פון די בעלי-בתים. עס טרעפען זיך אונגליקען, וועלכע קומען פאָר צוליעב זייטיגע אורזאַכען און אָפט מאָל צוליעב דער אונפאָרזיכטיג-קייט פון די אַרבייטער גופא. אויב בנוגע צו די אונטערנעהמער וואָלטען עקזיסטירען נאָר די זעלבע געזעצען, ווי בנוגע צו יעדען איינציגען, ד. ה. אויב די אונטערנעהמער וואָלטען זיין פערפפליכטעט צו צאָהלען נאָר דאַן, ווען דער אונגליק טרעפט זיך צוליעב זייער שולד, וואָלט דער פערונגליקטער אַרבייטער אָדער זיין פאַמיליע געמוזט אויסגעהן פון הונגער אין יענע צופאַלען, אין וועלכע דער אונטערנעהמער איז ניט שולדיג. זיי וואָלטען ניט געהאַט ביי וועמען צו זוכען זייער מאַטעריעלען שאָדען, זיי וואָלטען ניט געהאַט ביי וועמען צו פאָדערען אַ שטיקעל ברויט אויף חיונה.

ווער רעדט שוין וועגען שטיצע אין דער צייט פון קראנקהייט און אלטקייט? דאס וואלט געווים געווען אונמעגליך צו פאדערען פון אונטערנעהמער, אויב בנוגע צו זיין ארבייטער וואלט דער אונטערנעהמער געהאט נאר די זעלבע פפליכטען, די זעלבע ההתחייבות, ווי בנוגע צו יעדען אנדערען.

די פראפעסיאנעלע פעראיינען פאדערען דעריבער, אז בנוגע צו זיינע ארבייטער דארף ליגען אויף דעם אונטערנעהמער א גרעסערע ההתחייבות, גרעסערע פפליכטען, ווי בנוגע צו אנדערע, אז אין דעם פרט וועגען שטיצע אין דער צייט פון אלטקייט און קראנקהייט, אז אין דעם פרט פון אומקעהרען דעם מאטעריעלען שאדען, וואס דער ארבייטער האט צוליעב אנ'אונגליקס-צופאל, דארף די גאנצע פפליכט ליגען אויף די אונטערנעהמער און נאר אויף זיי. אין דעם פרט דארף ניט גילטען דער תירוץ: „איך בין ניט שולדיג". מעגליך, אז דער אונטערנעהמער איז טאקי דירעקט ניט שולדיג אין אונגליקס-צופאל, מעגליך, אז שולדיג אין אונגליק איז דער ערבייטער אליין, אבער וואס הייסט דאס, דער ארבייטער אליין איז שולדיג? קיין נארמאלער מענש וועט בכיון ניט אונטערשטעלען דעם קאפ אונטער די רעדער, קיין נארמאלער מענש וועט בכיון ניט אונטערצינדען די געביידע, די שאכטע, וואו ער ארבייט. אויב דורך דער אונפארזיכטיגקייט פון ארבייטער טרעפט זיך אנ'אונגליק, קומט דאס פאר צוליעב דעם, וואס דער ארבייטער פערלירט די פעהיגקייט צו זיין פארזיכטיג ביי דער ארבייט. דער גערויש פון די מאשינען, די קלאפ פון די האמערס, די אוננארמאלע טעמפעראטור, די פערפעסטעטע, פערגיפטעטע לופט, די ערמידעטע נערווען, דער פערדולטער קאפ — דאס זענען די ארזאכען פון דעם ארבייטערס אונפארזיכטיגקייט. דיזע ארזאכען, הייסט עס, ליגען ניט אין דעם שלעכטען ווילען פון דעם ארבייטער, נאר אין דער ארבייט גופא, אין יענער ארבייט, וועלכע בעשאפט רייכטהום און לוקסוס פאר דעם אונטערנעהמער, וועלכע גיט איהם די מעגליכקייט אנצוזאמלען עשירות, צו געניסען אלע פערגניגען. און אויב די ארבייטער זענען איצט ניט אים שטאנד אין גאנצען צו פערניכטען די עקספלואטאציע, אין גאנצען אבצושאפען די אומזיסטע, ניט בעצאהלטע הארעוואניע, פאדערען זיי, אז א טהייל פון דיזע

אומזיסטע האָרגאַניזע זאָלען די אונטערנעהמער זיי אומקעהרען
אין דעם פאַל פון אַנ׳אומגליק.

די אַרבייטער, אָבגעבענדיג זייער געזונד און לעבען די
אַרבייטס־געבער, האָבען אפילו ניט די מעגליכקייט אָבצושפּאָרען
פאַר זיך אויף די שווערע ביטערע צייט, ווען ס׳וועט קיין כח ניט
זיין צו האָרעווען; זיי האָבען ניט די מעגליכקייט אָבצושפּאָרען
אויף די אַלטע יאָהרען, וועלכע קומען אָן פאַר׳ן אַרבייטער פאַר
דער צייט, אויף אַ קראַנקהייט, וועלכע איז דער שטענדיגער
בעגלייטער פון דעם אַרבייטער. דער אַרבייטס־לוין סטאַיעט קוים
אויף דורכצולעבען און דעם אַרבייטער מיט זיין פאַמיליע בלייבט
נאָר אויסצוגעהן פון הונגער אָדער צו בעטען נדבות אין די צדקה=
אַנשטאַלטען, וואו די רייכע ווייזען אַרויס זייער גאַנצע גוטהער=
ציגקייט צו די אָרעמע אויף דעם השבון פון דעם אָנגעקליבענעם
מעהרהוערטה. די אַרבייטער ווילען אָבער ניט קיין צדקה, פעראַכטען
נדבות; זיי פאָדערען מען זאָל אָבגעבען דאָס, וואָס זיי קומט, וואָס
זיי האָבען כשר פערדיענט מיט זייער שווייס און בלוט, און אויב
זיי זענען ניט אים שטאַנד אָבצונעהמען פון אונטערנעהמער זייער
גאַנצען פערדיענסט, פאָדערן זיי, אַז יענע זאָלען לכל הפחות פער=
זאָרגען דעם אַרבייטער מיט אַ שטיקעל ברויט אויף דער עלטער,
מיט דאָקטוירים און מעדיצין אין דער צייט פון קראַנקהייט א. ז. וו.

די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פאָדערען עס זאָלען אַרויסגע־
געבען ווערען געזעצען, וועלכע זאָלען פערפּפליכטען די אונטער־
נעהמער צו פערזיכערען זייערע אַרבייטער אין מלוכה=פערזיכערונגס=
קאַסען אויף אַנ׳אונגליקס־צופאַל, אויף קראַנקהייט און אַרבייטס=
אונפעהיגקייט. דיזע פאָדערונג איז זעהר וויכטיג פאַר די אַרבייטער
אין רוסלאַנד און איבערהויפּט פאַר די אידישע אַרבייטער, וועלכע
זענען איבערהויפּט פערנומען אין האַנדווערקעריי. ביי אונז זענען
ניטאָ קיין געזעצען, וועלכע זאָלען פערזיכערען דעם אַרבייטער פון
הונגער אין אַנ׳אונגליקס=צופאַל, אין דער צייט פון אַלטקייט און
אַרבייטס=אונפעהיגקייט. דאָס איינציגע געזעץ, וועלכער רעדט
וועגען דעם ענין איז דאָס געזעץ פון 2=טען יוני 1903, וועלכער
פערפּפליכטעט די אונטערנעהמער צו בעפרידיגען דעם פעראונגליק=
טען אַרבייטער פאַר דעם מאַטעריעלען היזק וואָס ער האָט
געהאַט, אויב נאָר די אונטערנעהמער קענען ניט דערווייזען, אַז

אין דעם אונגליקס־צופאַל איז שולדיג „דער בייזער ווילען אָדער די גראָבע אונפאָרזיכטיגקייט" פון אַרבייטער גופא. עס פערשטעהט זיך, אַז דיזעס געזעץ קען ניט בעפריעדיגען די אַרבייטער. אין דיזען געזעץ ווערען די פעראונגליקטע אַרבייטער צוטהיילט אויף שולדיגע און ניט שולדיגע, און דעם אונטערנעהמער, וועלכער האָט געוועהנליך אַ גרעסערען איינפלוס אויף די ריכטער, וועלכער האָט אַ גרעסערע מעגליכקייט צו פיהרען פראָצעסען, איידער דער אַר־בייטער, וועט זיין ניט שווער צו דערוויזען פאַר'ן געריכט, אַז דער אונגליקס־צופאַל איז פאָרגעקומען אַ דאַנק „דעם בייזען ווילען אָדער גראָבער אונפאָרזיכטיגקייט" פון אַרבייטער. לויט דעם געזעץ, ווידער, איז דער אונטערנעהמער פערפּליכטעט אומצוקעהרען דעם פעראונגליקטען אַרבייטער אָדער זיין פאַמיליע נאָר אַ טהייל פון דעם מאַטעריעלען היזק, וואָס יענער האָט געהאַט. אויב דער אַרבייטער פערלירט אין גאַנצען די אַרבייטס־פעהיגקייט, דאַרף דער אונטער־נעהמער איהם אַרויסגעבען יעהרליכע פענסיע, וועלכע זאָל בעטרעפען צוויי־דריטעל פון דעם יעהרליכען פערדינסט פון אַרבייטער. אויב דער אַרבייטער שטאַרבט פון דעם אונגליקס צופאַל, דאַרף דער אונטערנעהמער אַרויסגעבען זיין פאַמיליע די זעלבע פענסיע.

נאָך אויסער דעם, האָט דאָס געזעץ פון 2־טען יוני 1903 נאָך אַ חסרון: זיין קראַפט פערשפּרייט זיך נאָר אויף פאַבריקען, זאַוואָדען און בערג־אינדוסטריע (קוילען־גרובען, מעטאַל־גרובען א. ז. וו.). די אַרבייטער אין האַנדווערקערייען אין לאַנד־ווירט־שאַפט, די בוי־אַרבייטער קענען ניט זוכען פון די אונטערנעהמער דעם מאַטעריעלען שאָדען, וואָס זיי האָבען געהאַט דורך אַן'אונגליקס־צופאַל ביי דער אַרבייט אויף דעם סמך פון דיזען געזעץ. זיי קומט אויס צו זוכען דעם היזק פון די אונטערנעהמער לויט די געוועהנליכע ציוויל־געזעצען, ד. ה. זיי דאַרפען פיהרען אַ לאַנגען פראָצעס מיט די אונטערנעהמער און דערוויזען פאַר'ן געריכט, אַז אין דעם אונגליקס־צופאַל איז געווען שולדיג דער אונטערנעהמער. זייער לאַגע איז נאָך דעריבער ערגער, איידער די לאַגע פון יענע, וועלכע זענען פערנומען אין דער פאַבריק־אינדוסטריע, וואו ניט די אַרבייטער דאַרפען דערוויזען, אַז די אונטערנעהמער זענען שולדיג, נאָר פערקעהרט, די אונטערנעהמער דאַרפען דערוויזען, אַז דער אונגליקס־צופאַל איז פאָרגעקומען צוליעב דער „גראָבער אונפאָרזיכטיגקייט" פון די אַרבייטער.

פון די אויפגאַבען, וועלכע די פּראָפּעסיאָנעלע פעראַיינען שטעלען זיך, און פון די מיטלען, דורך וועלכע זיי שטרעבען צו ערפילען דיזע אויפגאַבען, קען מען זעהן, אַז כדי צו פיהרען אַ פרוכטבאַרע און זיעגרייכע טהעטיגקייט נויטהיגען זיך די פּראָפּעסיאָנעלע פעראַיינען אין אַ גאַנצע רייהע פּאָליטישע פרייהייטען. אָהן פעראַיינס=פרייהייט, פּרעס=פרייהייט און פערזאַמלונגס=פרייהייט איז פאַר די פּראָפּעסיאָנעלע פעראַיינען שווער—אויב ניט אונמעגליך— נאָרמאַל צו פונקציאָנירען און צו ערפילען זייערע פיל=זייטיגע נאָהענטע און ווייטערע אויפגאַבען. אין דיזע פרייהייטען זענען די פּראָפּעסיאָנעל – אָרגאַניזירטע אַרבייטער פעראינטערעסירט ניט נאָר אַלס בירגער, נאָר אויך אַלס מיטגליעדער פון אַרבייטער=אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קענען ניט ענטוויקלען זייער טהעטיגקייט ביי אַ בעגרענצטע פּאָליטישער פרייהייט. די פּראָפּעסיאָנעלע פעראַיינען זענען דעריבער מחויב אונטערצושטיצען דעם בעפרייאונגס=קאַמפף, וועלכען דאָס רוסישע פאָלק פיהרט איצט געגען דער אַלטער, אָבגעלעבטער מלוכה=סיסטעם און העלפען בויען אַזאַ פּאָליטישע אָרדנונג, וועלכע וועט זיי געבען די מעגליכקייט ווייטער צוווירקען אויף די געזעצגעבונג, צו בעשאַפען גינסטיגע בעדינגונגען פאַר זייער עקזיסטענץ און צו ענטוויקלען זייערע אַלע קרעפטען.

---

### .IV

## די אָרגאַניזאַציע פון די פּראָפּעסיאָנעלע פעראַיינען.

אַזוי ווי די אויפגאַבע פון די פּראָפּעסיאָנעלע פעראַיינען איז דערשלאָגען זיך בעסערע אַרבייטס=בעדינגונגען אין אַזוי ווי די אַרבייטס=בעדינגונגען אין פערשיעדענע פּראָפּעסיעס זענען פערשיעדען, אָרגאַניזירען זיך די אַרבייטער לויט זייערע פּראָפּעסיעס. אין אָנפאַנג, ווען דער פּראָפּעסיאָנעלער פעראַיין איז קליין און נעהמט אַרום וועניג אַרבייטער פון אַ געוויסען אָרט, איז זיין אָרגאַניזאַציע זעהר אַנ׳ איינפאַכע. אָנפיהרען מיט אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז זעהר לייכט; מען נויטיגט זיך ניט אין ספּעציעלע בעאַמטע, וועלכע זאָלען זיין אָבגעגעבען נאָר מיט דער טהעטיגקייט אין פעראַיין און וועלכע זאָלען האָבען ספּעציעלע קענטניס און בילדונג. די מיטגליעדער פון פעראַיין קלייבען אויס פון זיך גופא אַ ביורא, און אַזאַ ביורא קען אָהן שוויריגקייטען ערפילען זיינע אויפגאַבען.

וואָס גרעסער אָבער עס ווערט דער איינפלוס פון פעראַיין

וואָס גרעסער עס ווערט זיין דרוק אויף די אַרבייטסגעבער, אַלץ פּיעלזייטיגער ווערט זיין טהעטיגקייט, אַלץ קאָמפּליצירטער און שווערער ווערען זיינע אויפגאַבען, אַלץ מעהרער נויטיגט ער זיך אין אַזעלכע אָנפיהרער, וואָס זאָלען זייערע אַלע קרעפטען ווידמען דער טהעטיגקייט פון פעראיין. עס ווערט אונמעגליך פאר די אָנ=פיהרער זיך צו פערנעהמען מיט דער טהעטיגקייט פון פעראיין נאָר אַגב אורחא, נאָר פערבייגעהענדיג. דאָס ביורא נויטיגט זיך שוין אין אַזעלכע מיטגליעדער, ביי וועלכע די טהעטיגקייט אין פּראָפע=סיאָנעלען פעראיין ווערט אַ אומנות, אַ ספּעציאַליטעט און וועלכע האָבען ניט קיין אַנדער מלאָכה. דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין דאַרף שוין אויסהאַלטען ספּעציעלע בעאַמטע.

די אַרבייטסגעבער פון אַ געוויסער פּראָפעסיע קענען ניט רוהיג צוזעהען, ווי דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין פון דיזער פּראָ=פעסיע מישט זיך אַריין אין דעם אָבמאַך צווישען זיי און זייערע אַרבייטער. זיי קענען ניט גלייכגילטיג אַריבערטראָגען די בעדינגונ=גען, וואָס דער פעראיין שטעלט זיי אַרויס און הויבען אָן מיט איהם צו קעמפּפען דורך אַרבייטער, וועלכע שטעהען אויסער דעם פער=איין און, אויב אין דעם זעלבען אָרט איז שווער צו בעקומען אַזעלכע אַרבייטער, שרייבען די בעלי־בתים זיי אויס פון אַנדערע שטעדט. ווי נאָר עס הויבט זיך אָן אַ שטרייק, אַזוי שיקען די אונטערנעהמער פאַנאַנדער זייערע אַגענטען אין די אַרומיגע שטעדט זוכען אַרבייטער. דער אָרטיגער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין דאַרף דעריבער שטענדיג וויסען ווי גרויס איז די מאַסע אַרבייטסלאָזע פון זייער פּראָפעסיע אין אַנדערע שטעדט, ער דאַרף אויך וויסען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס געפינט זיך דער כחורה=מאַרק, צי איז פאַראַנען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף די סחורה פון זיין פּראָפעסיע און צי איז דעריבער מעגליך איצט אַרויסצושטעלען פאָדערונגען די אונטערנעהמער. וויסען דאָס אַלץ גענוי קענען נאָר מענשען, וועלכע זענען אָבגעגעבען דער זאַך, וועלכע קוקען זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו אַלע ערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם לעבען פון דער פּראָפעסיע, מענשען, וואָס דאַרפען אין דער זעלבער צייט ניט זאָרגען וועגען חיונה, וועלכע בעקימען אַ געהאַלט פון פּראָפעסיאָנעלען פעראיין.

ווי מיר האָבען געזאָגט מוזען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פון פערשיעדענע ערטער מיט דער צייט אַריינקומען אין אָפּטע

פערבינדונגען צווישען זיך. זיי דאַרפען געבען צו וויסען איינער
דעם אַנדערען וועגען שטרייקען, וועלכע ברעכען אויס אין זייער
פּראָפעסיע, וועגען אַרבייטסלאָזע א. ד. גל. דיזע פערבינדונגען
ווערען אַלץ אָפטער, שטענדיגער און רעגוליערער און ווערען מיט
דער צייט פאָרמולירט אין סטאַטוטען. עס בילדעט זיך אַ צענטראַלער
פערבאַנד פון פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אין פערשידענע שטעדט,
למשל, אַ צענטראַל-פערבאַנד פון מעטאַל-אַרבייטער, אַ צענטראַל-
פערבאַנד פון שוסטער, שניידער א. ז. וו., וועלכע פעראייניגען און
רעגולירען די טהעטיגקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אין
איין פּראָפעסיע. אויף די צוזאַמענפאָהרען פון די פּראָפעסיאָנעלע
פעראיינען אין אַ פּראָפעסיע ווערט אויסגעקליבען אַ צענטראַל-
ביוראָ, וועלכע פיהרט אָן די גאַנצע טהעטיגקייט פון צענטראַל-
פערבאַנד, געפינט זיך אין שטענדיגע פערבינדונגען מיט אַלע
אָרטיגע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וועלכע געהען אַריין אין
צענטראַל-פערבאַנד, קלייבט צונויף און פּובליקירט אַלערליי
ידיעות, וואָס זענען נוגע צום פעראיין, סיסטעמאַטיזירט דעם
קאַמפף מיט די אונטערנעהמער און טראָגט אַריין אַ געוויסע
פּלאַנמעסיגקייט אין די גאַנצע טהעטיגקייט פון פעראיין.

די פעראַנטוואָרטליכקייט פון צענטראַל-ביוראָ, ווי מיר
זעהען, איז זעהר אַ גרויסע; דאָס צענטראַל-ביוראָ — דאָס איז
דער קאָפּף פון צענטראַל-פערבאַנד. די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען
פון אויסלאַנד קלייבען אויס אין צענטראַל-ביוראָ נאָר מענשען,
וועלכע האָבען געקראָגען אַ ספּעציעלע פּאָרבערייטונג און האָבען זיך
אַ לאַנגע צייט געאיבט אין דער פּראָפעסיאָנעלער בעוועגונג.
איבערהויפּט פעראַנטוואָרטליך איז דאָס אַמט פון סעקרעטאַר,
וועלכער איז דער הויפּט-אָנפיהרער פון צענטראַל-ביוראָ, ד. ה.
דער הויפּט-אָנפיהרער פון פערבאַנד. אין די גרויסע פּראָפעסיאָנעלע
פעראיינען פון ענגלאַנד נעהמט מען אויף דיזע שטעלע נאָר מענשען,
וועלכע האָבען אויסגעהאַלטען אַ ספּעציעלען עקזאַמען דערויף, און
נאָך דעם, ווי מיר האָבען בעטראַכט די אויפגאַבען און די קאַמפּפס-
מיטלען פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, דאַרף אונז דאָס ניט
וואונדערען. דאָס צענטראַל-ביוראָ און איבערהויפּט זיין סעקרעטאַר
דאַרף ניט נור זיין בעקאַנט מיט די אַרבייטס-בעדינגונגען אין זיין
פּראָפעסיע, ער דאַרף ניט נור וויסען דעם אַרבייטס-מאַרק, נאָר
אויך דעם סחורה-מאַרק. ס׳איז גאָר אונמעגליך צו פיהרען אונטער-

האנדלונגען מיט די בעלי־בתים, ס'איז אונמעגליך צו פיס צואַרבייטען אַ קאָלעקטיוו אָפּמאַך, צו בעשטימען אַ מינימאַלען אַרבייטס־לוין, ווען מען ווייסט ניט גענוי אַלע דעטאַלען פון דער אַרבייט. ס'איז ווייטער אונמעגליך צו פּראָקלאַמירען אַ שטרייק, ווען מען איז ניט גענוי בעקאַנט מיט דעם צושטאַנד פון סחורה־מאַרק. די סעקרע־טאַרען פון די ענגלישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען זענען אַזוי גענויט אין זייער פאַך, אַז זיי קענען אין יעדען מאָמענט ריכטיג אָפּשאַצען דעם פּערדינסט פון די אונטערנעהמער אין זייער פּראָפעסיע און קענען אויף דעם סמך אַרויס שטעלען די אָדער יענע פאָדערונגען. זעלבסט־פערשטענדליך, אַז די מיטגליעדער פון צענטראַלען ביוראָ שטעהען אויף געהאַלט ביים צענטראַלען פערבאַנד.

ווי נאָר די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פון אַ געוויסער פּראָפעסיע שליסען זיך צוזאַמען אין איין צענטראַל־פערבאַנד, אַזוי פערלירען זיי זייער זעלבשטענדיגקייט אין פילע ענינים פון פעראיין. זיי קענען, למשל, ניט פּראָקלאַמירען קיין שטרייק זיך ניט איינפאַרשטענדיג פריהער מיט דעם צענטראַלען ביוראָ און ניט בעקומענדיג פון לעצטען זיין הסכמה. דער אָרטיגער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין קען ניט וויסען אַלע בעדינגונגען וואָס ווירקען אויף דעם רעזולטאַט פון שטרייק: ער קען ניט וויסען גענוי, צו איז איצט דאָ אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף סחורה, צו ניט; ער קען ניט וויסען, ווי גרויס עס איז איצט די רעזערוו־אַרמעע, וויפיעל אַרבייטער פון דער פּראָפעסיע געהען איצט אַרום אָהן אַרבייט אין אַנדערע שטעדט. דאָס אַלץ קען וויסען נאָר דאָס צענטראַלע ביוראָ, און נאָר דאָס צענטראַלע ביוראָ קען בעשטימען אַ שטרייק. דער גרעסטער מהלך פון די געלד־מיטלען, וועלכע די אָרטיגע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען קלייבען צוזאַמען, געהט אויך איבער אין רשות פון צענטראַלען ביוראָ, וועלכער צוטיילט זיי צווישען די אָרטיגע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען לויט זייערע בעדערפניסען.

בכלל קען מען זאָגען, אַז בנוגע צו דער פעראיינס־קאַסע איז דער צענטראַלער־פערבאַנד דאָס רוב איין אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פערשיעדענע אָבטהיילונגען (פיליען) אין פערשיעדענע שטעדט. זעלבסשטענדיג זענען די אָרטיגע אָבטהיילונגען נאָר אין אַזעלכע ענינים, וועלכע זענען ניט דירעקט פערבונדען מיט דער לאַגע פון די אַרבייטער אין אַנדערע שטעדט, ווי למשל ביים

אויפֿנעהמען און אויסשליסען מיטגליעדער, גרינדען פֿערשיעדענע קולטורעלע אַיינריכטונגען, אויסקונפֿטס־בּיוראָען א. ד. גל.

עס געפֿינען זיך פֿערבּאַנדען, וועלכע זענען וועניגער צענטראַליזירט און בּיי וועלכע די זעלבּסטשטענדיגקייט פֿון די אָרטיגע פֿעראיינען איז אַ גרעסערע, נאָר דיזע פֿערבּאַנדען שפּיעלען אַ קלענערע ראָלע, איידער די צענטראַליזירטע. בּכלל איז די טענדענץ פֿון די אָרטיגע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען זיך נעהענטער צו פֿערבּינדען איינע מיט די אַנדערע און צו צענטראַליזירען זייער טהעטיגקייט. דער פּראָפֿעסיאָנעלער קאַמפּף טרייבּט אַלץ מעהרער די אונטערנעהמער צו פֿעראייניגונג. די אונטערנעהמער־פֿערבּאַנדען ווערען אַלץ גרעסער און מעכטיגער, די אַחדות צווישען די בּעלי־בּתים בּנוגע צו דעם קאַמפּף מיט די אַרבּייטער ווערט אַלץ שטאַרקער, און צוזאַמען מיט דעם ווערט אויך נויטווענדיגער צוזאַמענשליסען די פּראָפֿעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבּייטער אין איין פֿערבּאַנד אויף אַזאַ אופֿן, אַז זייער טהעטיגקייט זאָל פֿאָרקומען מיט אַ בּעשטימטען סדר, מיט אַ געוויסען פּלאַן, וועלכער זאָל ווערען אויסגעאַרבּייט אין איין אָרט, אין צענטר.

צווישען די אויפֿגאַבּען, וואָס די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען שטעלען זיך, געפֿינען זיך אַזעלכע, וועלכע די אָרטיגע אָבּטהיילונגען וואָלטען ניט געווען אים שטאַנד צו ערפֿילען אַליין אָהן דער הילף פֿון די אָרטיגע אָבּטהיילונגען פֿון אַנדערע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען. לאָמיר נעהמען למשל די קולטורעלע אויפֿגאַבּען. ס'וואָלט געווען ניט נאָך די קרעפֿטען פֿאַר יעדען אָרטיגען פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראיין בּעזונדער צו גרינדען אַ געהעריגע בּיבּליאָטהעק, אַ לעזע־צימער, לעקציעס א. ד. גל. דאָס זעלבּע קען מען זאָגען וועגען אויסקונפֿטס־בּיוראָען, וועגען זאַמלען סטאַטיסטיק פֿון די שטרייקען און פֿון די אַרבּייטס־לאָזע; דאָס אַלץ נויטהיגט זיך אין ספּעציעלע קרעפֿטען, וועלכע קענען ניט אויסגעהאַלטען ווערען דורך יעדען אָרטיגען פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראיין בּעזונדער. עס איז דעריבּער נויטווענדיג, אַז אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען פֿון איין אָרט זאָלען זיך פֿעראייניגען אויף געוויסע צוועקען און בּילדען, ווי מען רופֿט עס, אַ קאַרטעל. כּדי ס'זאָלען ניט פֿאָרקומען קיין רייבּונגען צווישען די קאַרטעלען און צענטראַלע בּיוראָען, דאַרפֿען די קאַרטעלען האָבּען נאָר אַזעלכע אויפֿגאַבּען, וועלכע יעדער אָרטיגער פֿעראיין בּעזונדער האָט; זיי טאָרען זיך ניט פֿערנעהמען מיט אַזאַ

טהעטיגקייט, וועלכע געהערט צו דער קאמפעטענץ פון די צוזאמענפאהרען און צענטראלע ביוראָען, ווי למשל אומבייטען די סטאטוטען פון די ארטיגע פראפעסיאנעלע פעראיינען, פראקלאמירען שטרייקען א. ז. וו.

---

V.

## די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען גיבען דעם ארבייטער די מעגליכקייט צו קעמפפען פאר א בעסערע עקאָנאָמישע לאגע, אָבער מיט זיי אליין קען זיך דער ארבייטער ניט בענוגענען. מיר האָבען שוין אויבען אָנגעוויזען אויף די וויכטיגקייט פון פּאָליטישע פרייהייט פאר'ן ארבייטער. פעראיינס־פרייהייט, פערזאמלונגס־פרייהייט, פרעס־פרייהייט—דאס זענען דעם ארבייטער אזוי נויטיג, ווי לופט אין ליכט. דער ארבייטער דארף ווידער האָבען די מעגליכקייט צו ווירקען אויף די געזעצגעבונג; ער נויטיגט זיך דעריבער אין אזא פּאָליטישע סיסטעם, וואו די געזעצען זאָלען ארויסגעגעבען ווערען ניט לויט דעם בעפעהל פון איין מענש, נאָר דורך א פערזאמלונג, וואס זאָל זיין אויסגעקליבען פון גאנצען פאָלק, דורך א פארלאמענט. פּאָליטישע פרייהייט, פּאָליטישע רעכטען פאלען אָבער ניט אראָב פון הימעל; זיי מוז מען ערקעמפפען. דער ארבייטער נויטיגט זיך דעריבער אין אזא אָרגאניזאציע, וועלכע זאָל זיך שטעלען פאר איהר אויפגאבע דערשלאָגען זיך מעהרער פּאָליטישע רעכטען, בעסערע געזעצען פאר'ן ארבייטער, ער נויטיגט זיך אין א פּאָליטישע אָרגאניזאציע.

אָבער כדי די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און די פּאָליטישע אָרגאניזאציע פון ארבייטער זאָלען ווערען א מעכטיגעס געווער אין די הענד פון פּראָלעטאריאט, דארף זייער פּראקטיק טראָגען דעם כאראקטער פון א קלאסען־טאקטיק, זייער קאמפף דארף האָבען אויף זיך דעם שטעמפעל פון א קלאסען־קאמפף. לאָמיר דאס ערקלעהרען דייטליכער.

די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען גיבען דעם ארבייטער די מעגליכקייט צו קעמפפען פאר א בעסערע עקאָנאָמישע לאגע, אָבער דיזען קאמפף קען מען פיהרען אויף פערשיעדענע אופנים. די פּראָפעסיאָנעל אָרגאניזירטע ארבייטער קענען פיהרען אזא קאמפף, וועלכער וועט, אמת, אויף א געוויסע צייט פערבעסערען

זייער לאַגע, אָבער וועט דורך דעם מאַכען ערגער די לאַגע פון די אונאָרגאַניזירטע אַרבייטער. זיי קענען, למשל, קעמפּפען דערפאַר מען זאָל ניט דערלאָזען צו דער אַרבייט קיין אונאָרגאַניזירטע אַרבייטער און אין דער זעלבער צייט שטעלען גרויסע שוויעריגקייטען בייס אַריינטרעטען אין פּראָפעסיאָנעלען פעראיין. דער רעזולטאַט פון אַזאַ קאַמפּף קען ברענגען קליינע מאַטעריעלע נוצען די פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבייטער, זייער מאַטעריעלע לאַגע וועט זיך אויף אַ געוויסען גראַד פערבעסערען, אָבער די־זע פערבעסערונג וועט פאַרקומען אויף דעם חשבון פון דער אונאָרגאַניזירטער אַרבייטער־מאַסע.

אַ פאַלשע טאַקטיק קען אויך פיהרען די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון אַרבייטער. צווישען די רייכע קלאַסען גופא קומען אָפט פאָר סכסוכים, זייערע אינטערעסען זענען אויך ניט איבעראַל די זעלבע. עס קומט גאַנץ אָפט פאָר מחלוקות צווישען די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען און ערד־בעזיצער, און יעדער פון דיזע קלאַסען שטרעבט אַריינצוכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענד, כדי צו בעשאַפען אַזעלכע געזעצען, וואָס זענען פאַר איהם גינסטיג און צו פערניכטען יענע געזעצען, וועלכע לאָזען איהם ניט פריי אָנזאַמלען רייכטהום. און יעדער פון די־זע קלאַסען וויל דעריבער האָבען וואָס מעהרער פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט, און יעדער פון דיזע קלאַסען חנפה׳ט זיך צו די אַרבייטער, כדי צו בעקומען זייערע שטימען אויף די וואַהלען. יעדער פון זיי זאָגט צו דורכפיהרען אין פּאַרלאַמענט געזעצען, אין וועלכע דאָס אַרבייטענדע פאָלק נויטיגט זיך, און די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבייטער קען זיך לאָזען איינרעדען און אַריינפאַלען אין נעץ פון די בורזשואַזע קלאַסען. זי קען ביי די וואַהלען זיך אין גאַנצען ענטזאַגען אַרויסצושטעלען אייגענע קאַנדידאַטען און אונטערשטיצען די קאַנדידאַטען פון אַ געוויסע בורזשואַזער פּאַרטיי. איהר קען זיך אויסדרוקען, אַז עס איז אַ סך צוועקמעסיגער אונטערצושטיצען יענע בורזשואַזע פּאַרטיי, וועלכע האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף די געזעצגעבונג און וועלכע איז דעריבער אים שטאַנד אויך צו ווירקען לטובת די אַרבייטער, איידער איינצורייסען מיט דיזער פּאַרטיי און דורכצופיהרען אין פּאַרלאַמענט אייגענע דעפּוטאַטען, וועלכע וועלען דאָרטען זיין מאַכטלאָז און וועלען גאָר נישט קענען שאַפען פאַר׳ן אַרבייטער.

אויב די פּראָפּעסיאָנעלע פּערעאיינען שטעלען זיך זייער אויפגאבע ערקעמפּפען אַ בעסערע עקאָנאָמישע לאגע פאר די אַרבייטער אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, דאַרפען זיי דערביי ניט פערגעסען אָן דעם ענדציעל פון דער אַרבייטער-בעוועגונג און טאָרען דעריבער ניט אָנווענדען אַזעלכע קאַמפּפס-מיטלען, וועלכע צושפּאַלטען דעם אַרבייטער קלאַס אויף צוויי פיינדליכע לאַגערען.

אין וואָס בעשטעהט דאָס ענדציעל פון דער אַרבייטער-בעוועגונג? אַנ'ענטפער אויף דערויף גיט אונז די סאָציאַלדעמאָ-קראַטישע לעהרע. זי ערקלערט אונז, אַז די אורזאַכע פון דעם אַרבייטערס עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פערשקלאַפונג ליגט אין דעם, וואָס די אַרבייטער, ניט האָבענדיג קיין אייגענע ווערק-צייג און פּראָדוקציאָנס-מיטלען, זענען גענויטהיגט צו פערקויפען זייער אַרבייטס-קראַפט פרעמדע, זענען גענויטיגט זיך צו פערדינגען ביי יענע, וועלכע האָבען יע ווערק-צייג און פּראָדוקציאָנס-מיטלען; וואָס דיזע קויפער פון אַרבייטס-קראַפט, דיזע אייגענטהימער פון פּראָדוקציאָנס-מיטלען בענוטצען זיך מיט זייער אייגענטהום אויף אַרויסצוציהען פון לוין-אַרבייטער וואָס מעהרער האָרעוואַניע, ווייל דעם אַרבייטערס האָרעוואַניע איז זייער איינציגער לעבענסקוואַל. די סאָציאַלדעמאָקראַטישע לעהרע זאָגט ווייטער, אַז כל זמן די ווערק-צייג און פּראָדוקציאָנס-מיטלען וועלען געהערען צו יחידים און ניט צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלען עקזיסטירען פערמעגענדע און אונפער-מעגענדע, וועלען דיזע פערמעגענדע עקספּלואַטירען די אָרעמקייט פון די אונפערמעגענדע, וועט אויף איין זייט עקזיסטירען רייכטהום, ווייטאָג און לוקסוס, אויף דער אַנדערער — אַרמוט, נויט און עלענד.

אין אָבשאַפען דיזע געגענזאַצען זענען ניט אים שטאַנד די פּראָפּעסיאָנעלע פערעאיינען. אין דעם ערשטען קאַפּיטעל האָבען מיר געבראַכט איניגע ציפערען, וועלכע דערווייזען גאַנץ קלאָהר, אַז די רייכע קלאַסען בעקומען וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערען טהייל אין דעם געזעלשאַפטליכען רייכטהום און אַז דער געגענזאַץ צווישען די אַרבייטענדע און רייכע קלאַסען ווערט דעריבער אויך גרעסער. נאָר דאָס איז נאָך ווייניג. די פּראָפּעסיאָנעלע פערעאיינען זענען אפילו ניט אים שטאַנד צו פערניכטען דעם הונגער און דלות צווישען די אַרבייטענדע קלאַסען, ווייל זיי זענען ניט אים

שטאַנד אויסצוראָטען די רעזערוו-אַרמעע, און נאָר יענע, וואָס לײַדען פון וויסענשאַפטליכער בלינדהייט און בורזשואַזער קורצזיכטיגקייט קענען מיינען, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען קענען לעזען די אַרבייטער-פראַגע און אָבשאַפען די עקאָנאָמישע פערשקלאַפונג פון די אַרבייטער.

די בעפרייאונג פון די אַרבייטער קען אָנקומען נאָר צוזאַמען מיט דער פערניכטונג פון פּריוואַט-אייגענטהום אויף ווערקצייג און פּראָדוקציאָנס-מיטלען, נאָר מיט דעם סאָציאַליזם. דאָס איז דאָס ענדציעל, צו וועלכען ס'דאַרפען שטרעבען די אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס, דאָס איז דאָס ענדציעל, אָן וועלכען עס טאָרען אויך ניט פערגעסען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. אין זייערע שטרעבונגען צו דיזען ציעל זענען די אַרבייטער איינזאַם. די אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען, וועלכע זענען געגרייט אונטערצוחנפה'נען די אַרבייטער און אַ מאָל אויך צו געבען אַ קליינע, אונבעדייטענדע הנחה, טרעטען אַרויס געגען די זעלבע אַרבייטער בעוואַפענט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי יענע הייבען זיך אָן אונטערצוגראָבען אונטער דאָס „הייליגע" פּריוואַט-אייגענטהום. דאַן פאַלט אַראָב די ליבעראַלע מאַסקע, דאַן איז אויס מיט אַלע שיינע פראַזען וועגען יושר און גערעכטיגקייט. די אַרבייטער זענען אָנגעוויזען אויף זייערע אייגענע קרעפטען, אויף די קרעפטען פון די אַרבייטער-מאַסען, אויף די קרעפטען פון אַרבייטער-קלאַס.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זאָגט דעריבער, אַז די בעפרייאונג פון די אַרבייטער איז די זאַך פון די אַרבייטער זעלבסט און, שטעלענדיג זיך פאַר אַן'אידעאַל פערווירקליכען דעם סאָציאַליזם, ערקלעהרט זי, אַז דיזער אידעאַל וועט פערווירקליכט ווערען אַלץ גיכער, וואָס בעוואוסטזיניגער ס'וועט זיין דער פּראָלעטאַריאַט איבער זיינע ווייטסטע ציעלען, וואָס דייטליכער ס'וועט זיין דער קלאַסען-שטעמפּעל אויף זיינע אָרגאַניזאַציעס אין אויף זיין קאַמפּף, וועלכען ער פיהרט פאַר זיינע נאָהענטסטע ציעל'ען.

זיין קלאַסען-קאַמפּף, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט זיין בעפרייאונגס-קאַמפּף, מוז דער פּראָלעטאַריאַט פיהרען אויף פערשיעדענע געביעטען, ווי אויפ'ן גייסטיגען, אַזוי אויפ'ן פּאָליטישען און עקאָנאָמישען. ער מוז אַראָבוואַרפען פון זיך די גייסטיגע קייטען פון דער בורזשואַזיע, אַראָבשאָקלען פון זיך איהרע טעאָריעס און מאָראַל, ווייל נור אַ פערשטענדיגער קען בעוואוסטזיניג שטרעבען צו אַ ציעל. ער מוז האָבען פּאָליטישע רעכטען, כדי

פריַיה צו ענטוויקלען זיינע קרעפטען, ער מוז ערקעמפפען פאר זיך אַ בעסערע מאַטעריעלע לאַגע, ווייל נאָר אַ פּהיזיש שטאַרקער קען האָבען דעם מוטה צו קעמפּפען פאר וויַיטערע און העכערע אידעאַלען. דער ציעל פון פּיָליטישען פּראָלעטאַרישען קאַמפּף דאַרף זיין ניט נאָר בעשאַפען פאַר'ן אַרבייטער גינסטיגערע לעבענס־בעדינגונגען; ער דאַרף האָבען אין זיך נאָך אַ מעלה: וועקען דעם בעוואוסטזיין פון די אַרבייטער־מאַסען, פעסטער שליסען זייערע רייהען, מאַכען זיי דרייסטער, מוטהיגער.

די אויפגאַבע פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען איז פיהרען דעם קלאַסען־קאַמפף אויפ'ן עקאָנאָמישען געביעט; זייער טאַקטיק דאַרף דעריבער האָבען אין זיך די נויטווענדיגע איינענשאַפטען פון דיזען קאַמפף; זיי דאַרפען ווענדען זייער אויפמערקזאַמקייט ניט נור אויף דעם איצטיגען מאָמענט, נאָר אויך אויף די וויַיטערדיגע ציעלען פון דער אַרבייטער־בעוועגונג און זיך איבערלעגען אויף וויפיעל דיזער אָדער יענער טאַקטישער שריט וועט מאַכען ברייטער די גרעדאַנקען־וועלט פון די אַרבייטער, פערשטאַרקען זייער סאָלי־דאַריטעט אין די פּאָזיציע פון גאַנצען פּראָלעטאַריאַט. אַלס אַ קלאַסען־אָרגאַניזאַציע, וויעדער, קענען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען ניט זיין אָבגעריסען פון די ס'איבריגע קלאַסען־אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַריאַט; זיי קענען זיך ניט פערמאַכען אין זייער ריין פּראָפעסיאָנעלער בעוועגונג און קוקען אויף זיך ווי אויף דאָס איינציגע אויסלעזונגס־מיטעל פון אַלע מכות. זיי מוזען זיין פער־בונדען מיט די ס'איבריגע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, די ציעלבעוואוסטע אָנפיהרערין פון פּראָלעטאַריאַט אין זיין בעפרייאונגס־קאַמפּף. דיזע פערבינדונג דאַרף זיך אויסדריקען אין דעם, וואָס די אַרבייטער, וועלכע ווילען אַריינטרעטען אין פּראָפעסיאָנעלען פעראיין, דאַרפען אַנערקענען דעם פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמפּף און די אָנפיהרונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט דער טהעטיגקייט פון די פּראָפע־סיאָנעלע פעראיינען. בנוגע צו דער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם וועט זי זיך אויסדריקען אין דעם, וואָס אין די איינריכטונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען וועלען נעהמען אַנ'אַנטהייל מיט שטים־רעכט פערטרעטער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. קירצער גערעדט הייסט עס, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען דאַרפען זיין ניט קיין נייטראַלע, נאָר פּאַרטייאישע.

עס קען זיך אויסדרוכטען, אַז דאָס אַנערקענען דעם פּרינציפּ פון קלאַססען־קאַמפּף און די אָנפיהרונג פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע איז נאָר אַ פאָרמעלער, אַ פּאַפּירענער, אַז אַזאַ פאָרמעלע אַנערקענונג קען קיין שום איינפלוס ניט האָבען אויף די טהעטיגקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פערלאייגען, אויף זייער ווירקליכע, אַ אמת'ע פערבינדונג מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. די פּראָפעסיאָנעלע פעראייגען, פיה־רענדיג אַנ'אַלטעגליכען און מעהרסטענטהיילס אַ קליינליכען קאַמפּף מיט די אונטערנעהמער, — אַ קאַמפּף, וועלכער שלינגט איין זייערע אַלע קרעפטען, זענען גענייגט צו קוקען אויפ'ן פּראָפעסיאָנעלען קאַמפּף ווי אויף דעם עיקר פון דער אַרבייטער־בעוועגונג. אַלץ, וואָס עס געהט ניט אַריין אין זייערע דירעקטע אויפגאַבען זענען זיי גענייגט אָבצושטופּען פון זיך ווי אַ זאַך, וואָס איז צו זיי ניט נוגע. אַזעלכע גאַנץ־נאַטירליכע טענדענצען פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראייגען קענען שטערען, און אין אַנדערע ערטער שטערען זיי טאַקי, דער ענטוויקלונג פון סאָציאַלדעמאָקראַטישען בעוואוסט־זיין ביי די פעראיינס־מיטגליעדער. אַרויסגעהענדיג פון דעם שטאַנד־פּונקט, אַז וואָס מעהרער מיטגליעדער זיי וועלען האָבען, אַלץ מעכטיגער וועט זיין זייער אָרגאַניזאַציע, שטרעבען די פּראָפעסיאָ־נעלע פעראיינען צו צוציהען אין זייערע רייהען וואָס מעהרער אַר־בייטער, און כדי מען זאָל זיך ניט דאַרפען רעכענען מיט די איבער־צייגונגען פון די מיטגליעדער, ערקלערט זיך דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין פאַר נייטראַל צו אַלע פּאַרטייען. דאַן מעגען שוין די מיט־גליעדער זיין אויסגעשפּראָכענע אַנאַרכיסטען, איבערצייגטע געגנער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; ווי באַלד נאָר זיי טראָגען פּינקטליך אַריין די מיטגליעדער־אָבצאָהלונגען, זענען פאַר זיי אָפען די טיהרען פון פּראָפעסיאָנעלען פעראיין.

די רעזולטאַטען פון אַזאַ ברייטהערציגער אויפנאַהמע קענען זיין פערשיעדען. ס'קענען זיך אָנהייבען רייבונגען צווישען די פעראיינס־מיטגליעדער צוליעב זייערע פערשיעדענע פּאַרטיי־איבערצייגונגען, — רייבונגען, וועלכע מוזען שטערען דער טהעטיגקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און וועלכע קענען ביי געוויסע פער־העלטניסען ברענגען צו אַ פאָרמעלער צושפּאַלטונג פון פעראיין לויט די פּאַרטייען. דיעזע צושפּאַלטונג איז נאָך ניט געפעהרליך; דער

שטרייט צווישען פערשידענע פּאַרטייען ברינגט שטענדיג נוטצען די אַרבייטער=מאַסען, פערברייטערענדיג זייער געדאַנקען=וועלט, ענטוויקלענדיג זייער פּאָליטישען און קלאַסען=בעוואוסטזיין, און די סאָציאַל דעמאָקראַטיע קען פון אַזאַ שטרייט נאָר געווינען. ס'קען אָבער טרעפען, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, מורא=האָבענדיג פאַר אַ צושפּאַלטונג, וועלען אין גאַנצען ניט דערלאָזען קיין דיסקוסיעס און דעבאַטען וועגען פראַגען, וועלכע קענען אויפרעגען געוויסע מיטגלידער און אויפרייצען איין טהייל מיטגלידער געגען דעם אַנדערען. זיי קענען פערמאַכען די טיהרען פאַר אַ גאַנצע רייהע פּאָליטישע, סאָציאַלע און טאַקטישע פראַגען, וועלכע פערשידענע פּאַרטייען לעזען פערשידען. אַזאַ טאַקטיק קען זיין נאָר שעדליך און קען נאָר שטערען דעם קלאַסען=קאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט. שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, וואָס די בימה פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען וועט דאַן ניט קענען אויכגענוצט ווערען פאַר די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַגיטאַציע, וואָס די קולטורעלע אויפגאַבען פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען וועלען דאַן ערפילט ווערען העכסט איינזייטיג, קען דיזע טאַקטיק ווירקען אויף דעם כאַראַקטער און ריכטונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער טהעטיגקייט גופא. אַרויסטרייבענדיג די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע דאַרף ענטוויקלען און פערשטאַרקען דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישען גייסט אין דער גאַנצער פּראָפעסיאָנעלער טהעטיגקייט, פערגרעסערען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען די געפאַהר פערזינקען צו ווערען אין די קליינליכע, ענגע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען.

דער „בונד" — די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון אידישען פּראָלעטאַריאַט — פערטהיידיגט דעריבער די מיינונג, אַז יעדער אַרבייטער, אַריינקומענדיג אין פּראָפעסיאָנעלען פעראיין, דאַרף אַנערקענען דעם הויפּט=פּרינציפּ פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, דעם קלאַסען=קאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט און די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען דאַרפען אַנערקענען די אָנפיהרונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען — די אָנפיהרונג פון „בונד") ד. ה., אַז די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען זאָלען זיין ניט נייטראַלע, נאָר פּאַרטייאישע. אמת, דיזע פאָדערונג פאַרמאַכט די טיהרען פון פּראָפעסיאָנעלען פעראיין פאַר איבערצייגטע געגנער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און פערקלענערט דערמיט די צאָהל מיטגלידער; דערפאַר אָבער גיט זי די מעגליכקייט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויס=

צונוטצען אִין פוּלען מאָס די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פאַר די ווייטערע ציעלען פון דער אַרבייטער-בעוועגונג און אויסשמיערען פון זיי אַ מעכטיגעס געוועהר פון קלאַסען-קאַמפף.

בנוגע צו דער אָרגאַניזאַציאָנס-פאָרם—זאָגען מיר ווייטער—דאַרף זיך די פערבינדונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראַיינען מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויסדריקען אין דעם, וואָס אין די איינריכטונגען פון די פעראַיינען נעהמען אויך אַנ'אַנטהייל די פערטרעטער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (אין די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פעראַיינען—די פערטרעטער פון „בונד"). נאָכדעם, וואָס מיר האָבען געזאָגט וועגען די אויפגאַבען פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראַיינען און וועגען דעם אָרט, וועלכען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע דאַרף פערנעהמען צווישען די ס'איבעריגע קלאַסען-אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַריאַט, ווערט אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנס פערבינדונג זעלבסטפערשטענדליך. די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע איז נאָר אַנ'אָרגאַן פון איין מעכטיגען אָרגאַניזם, פון דעם בעוואוסט-זיניגען פּראָלעטאַריאַט און קען דעריבער נאָרמאַל פונקציאָנירען נאָר דאַן, ווען ער איז פערבונדען מיט דעם קאָפּ פון דיזען פּראָלעטאַריאַט, מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנס-פערבינדונג ווערט נאָך וואָס ווייטער אַלץ נייטוועגדיגער צוליעב דעם, וואָס דער קאַמפף צווישען פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע ווערט וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער און ס'ווערט דעריבער שווערער צו פיהרען אַ קאַמפף נאָר אויף איין געביט. ס'ווערט אַלץ נויטווענדיגער צוזאַמענצוציהען אַלע אָרגאַניזאַציעס פון בעוואוסטזיניגען פּראָלעטאַריאַט אין איין מעכטיגין און קאַמפפסעהיגע אַרמעע.

די נויטווענדיגקייט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנס-פערבינדונג האָט זיך שוין פון אָנהייב אָן אַרויסגעוויזען ביי אונז אין רוסלאַנד. דער לאַנגיעהריגער בלוטיגער קאַמפף, וועלכען דער רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט פיהרט פאַר זיינע פּאָליטישע רעכטען, פאָדערט די אָנשטרענגונג פון אַלע אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַרישע קרעפטען. אונזערע קאַמפפס-מיטלען קענען דערגרייכען זייער ציעל נאָר דאַן, ווען זיי וועלען אָנגעווענדעט ווערען דורך גרויסע פאָלקסמאַסען (פּאָליטישער שטרייק און אַנדערע מאַסען-אַרויסטרעטונגען). די אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס דאַרפען דעריבער זיין ענג פערבונדען צווישען זיך, זיי מוזען פעראייניגט מאַרשירען און פעראייניגט שלאָגען.